120

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 2 (העפט 121) עלפטער יאַרגאַנג פעברואַר 1950 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

די הייליקע פלעצער אין ישראל, ירושלים של מעלה,
לכבוד חמשה עשר בשבט ........................ ** 1
זעלנער מלאכי (דערציילונג) ........................ י. בר־יוסף 5
אַ שמחה אין הימל (ליד) ........................ משה עובד 12
פסקא מן שמיא (א מעשה פון חוזה מלובלין) .... יחזקאל נח ערלעכמאַן 13
הענט... (ליד) ........................ ס. פאַלמע 17
הערצל און דער פויפסט ........................ יוסף פרענקל 18
ארץ ישראל ערד (באַלאַדע) ........................ א. נ. שטענצל 22
דריי אַפּאָלאָגיעס (3 אַפּאָלאָגיא כלפי פנים) ........................ לעא קעניג 27
גבורה און חורבן ........................ ד״ר יעקב י. מייטליס 31
רייזע איינדריקן (אַנטווערפּן) ........................ יוסף הלל לעווי 36
אַן אוצר וואָס קיינער האט נישט פארלוירן נאר אַ סך קאַנען געפינען
(וועגן נחום באַמזע'ס „אַ חתונה אין הארבסט) ...... מאטעס דייטש 42
ווייטשעפל זינגט און זינגט ........................ ש. 45
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאקס ........................ 48

## פרייז: 1 שילינג און 6 פענים

אבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

# LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

פריינט פון יידיש לשון

# א באנקעט

(ביי פול געדעקטע טישן)

לכבוד די

## צען יאר לשון און לעבן

זונטיק 12 פעברואַר 7.30 אָוונט

אין ראָבערט׳ס רעסטאָראַן — 17 קאָמערשל רויד, א.1

בילעט: 10/6

דאנערשטיק דעם 16־טן מערץ 1950

## א גרויסער קאנצערט

אויספירלעכע מיטטיילונגען קומענדיקן חודש מערקט אייך דעם דאטום

## א צאתכם לשלום

די דיכטערין חוה ראזענפארב, וועלכע איז אויך גוט היימיש דא ביי אונז אין לאָנדאָן פון אירע ביכער „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואלד" און „דאָס ליד פון יידישן קעלנער אבראם", וואס משה עובד האט זיי דאס ארויסגעגעבן אין לאנדאָן, און וואס דער רושם, וואָס זי האט דאָ איבערגעלאזן ביי איר דאָ זיין איז נאך אלץ פריש אין אונזער זכרון, פארט אָפּ מיט איר מאן העניק מארגענטאלער, קיין קאנאדע זיך דארטן צו באזעצן — ווינטשן מיר אַ הארציק צאתכם לשלום! מיר זיינען זיכער אז איר פערזענלעכקייט און טאלאנט וועט דעם יידישן ישוב דארט באַרייכערן.

לשון און לעבן

## פראנץ קורסקי-בלומין

צום טויט פונם באקאנטן בונדישן פירער, דעם באוווסטן שרייבער און ליבהאבער פון יידישן ווארט, **פראנץ קורסקי-בלומין**, דריקן מיר אויס אונזער טיפן מיטלייד צו זיין טאכטער וואס לעבט דא אין ענגלאנד און צו אלע זיינע פריינד, חברים און פארערער.

לשון און לעבן

## ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף דעם פאָלגנדיקן נייעם אַדרעס:

N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 2 (העפט 121) עלפטער יארגאנג פעברואר 1950 לאָנדאָן


## די הייליקע פלעצער אין ישראל

אויב אונזערע פאראנטווארטלעכע פארן פאלק און פאר דער וועלט, די פירער פון ישראל, זיינען נישט געווען בכוח בשעת דער חלוקה, — בשעת די פעלקער האבן אונז צוגעטיילט א שטיקל פון ארץ־ישראל! — צו דערגרייכן, אז אין אונזער טייל, אז אין אונזער מדינת ישראל, זאלן כאטש זיין די וויכטיקסטע מקומות קדושות פון אונזער טראדיציע; און נאך מער, שפעטער נאכן אויסרופן די יידישע מלוכה, בעת די געוואלטיקע און הערואישע קאמפן פאַר דער ערד, פאר דער זעלבסטשטענדיקייט, און נאך דעם באמת איבערמענטשלעכן נצחון, זיינען אלץ נאך געבליבן דער רוב פון אונזערע הייליקע פלעצער מחוץ פון מדינת ישראל — זיינען דאך אפנים הייליקע פלעצער, גייסטלעכע און טראדיציאנעל פאלקסטימלעכע ענינים, דער שוואכסטער פונקט פון אונזערע מלוכה־מענער און ישראל מנהיגים, הן פאליטיש און הן סטראטעגיש; איז דאך ממילא גאנץ נאטירלעך, אז דער שונא — וואס לויערט נאך מיט טויזנט־מלאך המות אויגן אויף יעדן אונזער שריט: — זוכט אונז צו טרעפן אין אָט דער „אכילעס פיאַטע".

איך האב שטארק מורא, אז אונזערע פירער, די פאליטיקער ווי די סטראטעגיקער, וואָס פירן זייער קאמף רק פאר דער ניישטאט פון ירושלים, פאר דעם טייל וואָס אונזערע דורות האבן אויפגעבויט מיט זייער שווייס און זייער בלוט, און פארקוקן (זיכער מיט גרויסן הארץ־ווייטאג.) וואָס די פאלקסטראדיציע האט באשיצט און באהאלטן מיט טרערן און תפילות, און נישט מיט ווייניקער בלוט, זיינען זיך טועה. ווארים מיט מסירת־נפשדיקן באשיצן און אויסקעמפן בעיקר אזעלכע באמת וויכטיקע פאזיציעס ווי דעם הר־הצופים דאס אוניווערזיטעט, דאס הדסה־שפיטאל, און „פארזעען" דעם הר־המוריה, די כותל־מערבי, רחלס קבר, גיט מען דאך, חס־ושלום, אליין צו, אַז אזעלכע „קליינקייטן", רעליגעזע „זאבאבאָנעס" און פאלקסטימלעכע טראדיציעס זיינען נישט פון ערשטער און אפסאלוטער וויכטיקייט.

און אויב ביי די מענער און די פירער, וואס שטייען יעצט בראש פון דער מלוכה, אויב אין זייערע אידיאלאגיעס און פלענער שפילן די הייליקע יידישע פלעצער נישט די מסורהדיקע און פאָלקסטימלעכע ראלע, וואָס האט געשפילט ביים פאלק, — זאגן מיר ביים פאנאטיש־רעליגעזן און הארא־פאשנעם פשוטן ייד! — טויזנטער יאָרן, טאָ ווי אזוי זאלן אנדערע רעליגיעס, מיט

גרינגן הארץ זיין גרייט, זיי אנצופארטרויען די פלעצער, וואָס זיינען ביי די פעלקער, זייערער גרעסטע הייליקייטן.

עס איז נאך נישט אלצדיג בלויז אידעאָלאָגיע, סטראטעגיע און פּאָליטיק! צו פלינק און צו דידאקטיש, האב איך מורא, לערנען אונזערע פּאָליטיקער זייער פרשה — זייער טראָפּ איז צופיל מלרע, מ׳מוז אויך מטעים אמאל מלעל, אז מ׳זאל פילן א יידישלעך טעם...

די כיטרע פיקסעכע, די קאטוילישע קירכע, קען זיך זייער גוט אויס אפנים אין די דראבנע אותיות און ווייס צו פארוואנדלען די קליינינקייטן אין גרויסע פּאָליטיק... אָ, אונזערע ישראל דיפלאמאטן האבן נאך א סך צו לערנען!

מיר קוקן מיט גרויס באוווּנדערונג אויף אונזערע מלוכה־מענער און מלחמה־פירער אין ישראל; און באמת דאס וואָס זיי האבן שוין דערגרייכט איז למעלה מן הטבע. און די קאמפּראמיסן, וואָס זיי מוזן מאכן, איז מסתמא יענע שווערע חידה, פונם שפעלע מיטן הייפטל קרויט און וואלף, זיי אלע דריי אויף איין שיפל, וואָס געניגט נאר פאר צוויי, אריבערצופירן איבערן טייך.

אויב אין דער אפענער מלחמה גייט מען מיטן מעסער פנים אל פנים — נא־שטיק! איז פּאליטיק הינטן ארום — מיטן מעסער אין דער זייט! און נישט איינמאל מוז מסתמא דער גרויסער דיפלאמאט זיך אליין א שניט טון אינם אייגענעם הארצן אריין.

אונזערע פירער אין זייער געראנגל טון זיכער דאס מעגלעכסטע ביי די געגעבענע מעגלעכקייטן! און מסתם ביי די־אָ וועלט, ביי דעם גייסטלאזן שפיל פון „שעפּס און וואלף“, איז אנדערש ניט מעגלעך! אבער עס וועט אויך אנדערש נישט מעגלעך ווערן, ביז מיר וועלן האבן אונזערע הייליקע פלעצער: „של נעלך מעל רגלך כי המקום אשר אתה עומד עליו קודש הוא“.

יהושע, דער ערשטער גרויסער דיפלאמאט אונזערער, דער משרת משה, דער גרויסער סטראטעגיקער און מלחמה־פירער, קומענדיק צו דער מסקנה, אז אַ אכילעס־פּיאטעס קאן מען נישט צודעקן מיט לעדערנע דיפלאמאטן־שיך, איז ער ערשט ראוי געווארן, געשטארקט געווארן צו מאכן ארבן דאס פאלק דאס גאנצע לאנד — ארץ ישראל!

* * *

אויב די פארשטייער פון ישראל, דער צוזאמענשטעל פון איצטיקן „כנסת“ אין זייער רוב, און די דיפלאמאטיע אין איצטיקן סטאדיום איז אזא, אז דער קאמף קאן נאר זיין פאר דער ניי־שטאט פון ירושלים; אויב אין אונזער דור, — אין וועלכן מען האט די מאסן אונזערע אויסגעקוילעט און מיט זיי דאס טראדיציאנעלע פאלקסטימלעכע, דעם קול שדי! — איז אונזער מלכות נאך נישט ראוי, האט נאך דעם געהעריקן כוח ניט צו פארגיכן די שעה פון דער גאולה, איז אבער ביי אונז יידן אין תפוצות ישראל, ביי אונז יידן אין גלות דער בענקשאפט געראנגל פאר דער אלט־שטאט, דאס געבעט פאר דער עיר העתיקה — אויף קיין איין האר נישט געמינערט געווארן. איז ווער קאן וויסן



אויב, אזא מלוכה־אנפירונג, ביי וועלכער דער־אָ סענטימענט איז א קאפּ אָפּ־געטעמט, וועט קאנען אנהאלטן, אין די תפוצות הגולה, איר 100 פראצענטיקן פארטרויען און אנזעען.

און עס ברויך לגמרי נישט צו קלינגען פריקרע, אדער פּאראדאקסאל אזא מין שלוס־פּאראגראף: (אָן „אף על פי כן“ אויף דער רעכטער זייט...)

באמת, מיר ברויכן נישט קוקן ווי אויף פאררעטער און אָפּטריניקע בוגדים אויף דעם אומבאהאלפענעם הייפעלע „שומרי־החומות“־קנאים אין זייער משונה־ווילדן קאמף פאר דער אלט־שטאט. זיי, — די שרידי עם, וואָס טראגן נאך אין זיך די לעצטע האלעוועשקעס פונם גלותדיקן פּריפּעטשיק, — זיי זיינען נישט קיין גרויסע אידעאלאגן און דיפּלאמאטן (זיי זיינען מסתמא אויך נישט קיין צו גרויסע סטראטעגיקער, כאטש זיי האבן זיך געראנגלט פאר דער אלטשטאט בשעתן קאמף ווי די לייבן.) אבער גראד זייער התלהבותדיקע אומבאהאָלפנקייט און אומגעלומפּערטקייט, וועט דאך מוזן איבערצייגן אויפריכטיקערע רעליגעזע פירער פון די פעלקער, אז אונזער פאלק האט דאך נאך מסירת־נפשדיקן חוש פאר רעליגעזע עקרים. (יאָ, אונ־זערע תורה־טרייע קנאים און „פאנאטיקער“ זיינען פעאיק צו נישט עפּעס „קליינערעס“ ווי די אדוקים פון אונזערע לינקע שבלינקע...) און אז סוף כל סוף קאן מען אונזער פאלק, ניט נאר אנפארטרויען צו באשיצונג און די פירונג פון א מלוכה, נאר אויך די באשיצונג פון די הייליקע פלעצער... און די כיט־רערע קירכן־דיפּלאמאטן וועלן מוזן בעל כרחם ענטפערן: אמן.

## ירושלים של מעלה

צי קען מען די זון דען צעטיילן אין צווייען,
אַזוי אונזער ירושלים של מעלה — —
בלויז די לבנה, דאס פנים דאס פאטאלע,
געל פאר קנאה און פון חבלי מולד ווייען —

נישט געקאנט האט זי פארליידן און פארדייען:
זי און די ליכטיקע זון, גלייכע עגאלע?
צי קאן מען דען האבן אן אייגענע מעלה,
יענעמס חסרון אז מען קען נישט אויסשרייען?

ס׳בלוטיקט די זון מיט יעדן אויפגיי און פארגיי,
אבער גאנץ גייט זי אויף יעדן טאג און אויפסניי!
און עס איז נאך גריילעך גאר אַ גרויסער שאלה —

צי מען וואלט ווען די האלב לבנה צומאל געזען,
חען נישט אויפן הימל די זון גאנץ וואלט געווען,
פונקט ווי אונזער ירושלים של מעלה — —

## חמשה-עשר-בשבט

(צוויי סאָנעטן)

I

אין אַ פּאַפּירן שקאַרמיצל מיט דאַרע פייגן,
מיט באָקסער אַנדער־האַלבן און אַ פּעטלעכן טייטל
טייטלט דער רבי ווי אין גרויסן אלף־בית זייטל,
און מיר — אָפענע מויל נ׳אויגן, זיצן און שווייגן.

קורצזיכטיק, אַלץ נידריקער מוז זי זיך איינבייגן,
קוקט זון, אַ האַלב־בלינדלעכע, ווי דורך אַ בעלמע הייטל
אויף די זאַכן, וואָס דער רבי טייטלט מיטן טייטל,
מיט די הענט כאַטש אָנצוטאַפּן, זיך איבערצוצייגן;

זי קוקט זיך טיף אַיין דורך די אייז פאַרקאָוועטע שויבן,
די האַלב־בלינדלעכע אויגן אירע קוים נאָך צו גלויבן,
וואָס אירע אויערן הערן דערציילן אַצינד:

„פון יענעם בוים, אונטערן וועלכן אברהם איז געזעסן,
ווי נ׳פּסוק ס׳שטייט ׳ויאכלו׳ געמאַכט זיי אָנעסן — — —״
זי הערט נישט מער, „זעצט״ זיך מיט אָפן מויל ווי אַ קינד.

II

די פאַטשיילע פאַרשפּרייט איבערן אָפענעם בלאַט,
נישט שנײַ — בליטן שיטן פאַרן פענסטער האָט ער געזען,
פון די ביימער צעוואַקסן אויף די שויבן; ס׳איז געווען
ראש השנה לאילנות, פּראָסטע פשוט, אָן פשט.

אינם צויטן־צעבלימלטען, ייִדענעם כאַלאַט,
אין טיפן פאָטער־שטול, געטוליעט אין טונקלען אַנלען,
האָט ער, ווי רבי חנינא בן דוסא, אויסגעזען,
ווען ער האָט געגעסן באָקסער חמשה עשר בשבט.

פול איז די בית־דין־שטוב געוואָרן מיט ראש־השנה,
ווען ער האָט זיך צו שמונה עשרה מיט גרויס כונה,
ביים „ותן טל ומטר לברכה״ שטיל צעוויינט;

און ווי אַ שטורעם־רעגן האָט עס גענומען פּליוצן,
ביים „קבצנו יחד״: נישט געצייטיקט איז דער ווייצן,
און דער אַקער אין דער זון פאַרטרוקנט און פאַרשטיינט.



י. בר־יוסף (ישראל)

## זעלנער מלאכי

אַז דער פּופּציקיאַריקער סאָלדאַט משה מלאכי איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דעם מיליטעראַפּטייל פון די ייִנגע, האָט ער באַלד דערוועקט אַן אַלגעמיין געלעכטער ביי דער חברותא. ווארעם ער איז אַריין אין גרויסן צריף (באַראַק) אַריין, מעשה באַלעבאָס, געקאַטשעט זיך אַביסל אין זיין שווערן הילוך, בולט געמאַכט זיין ברייטער ברוסט, אויסגעגראַדט זיינע קרעפּטיקע פּלייצעס און זיך פאַרגעשטעלט מיניה און ביה.

שלום, ממזרים! איך, מיין נאָמען איז משה מלאכי! איך בין נישט געצוואונגען זיך מאָביליזירן. כ׳בין נאָר געקומען מיט מיין ייִדיש לב ראַטעווען ס׳פאַטערלאַנד. איך בין אַ גרויסער גבור, ממצרים.

און באַלד דערויף האָט ער זיך געווענדט אין ריכטונג פון זיין בעט און מיט ערנסט און ישוב הדעת גענומען עוסק זיין מיטן איינאָרדנען זיינע זאַכן און זיין בעט.

די חברותא האָט זיך צעלאַכט הויך אויף אַ קול.

ער איז געווען איינגעבויגן איבערן בעט און זיך צוגעהאָרכט פאַרפראָרן צום געלעכטער. דערנאָך האָט ער זיך מיט איינמאָל אויפגעהויבן און זיך געווענדט צום ייִנגוואַרג מיט אַ בייזן פּנים.

פון מיר מאַכט מען נישט חוזק! כ׳האָב שוין מער צייגער אויסגעהאַקט, וויפל איר אַלע האָט האָר אויפן קאָפּ. צוזאַמען אַ קיימאַ־לן פון אַכט יאָר בין איך געזעסן אין חד־גדיא צוליב אַ סך מכות וואָס כ׳האָב געגעבן צו מנוולים. איך — הענט האָב איך ווי איר זעט, הענט פון באָקס. ווער ס׳וועט אָנהייבן מיט מיר וועל איך מאַכן פון אים אַ מיתה און אַ פאַלאַפל (אַראַביש־ספּרדיש עסן; אַ פּלעצל מיט אַרבעס־קאַטלעטן), אָבער ווער ס׳וועט זיין גוט־ברודער מיט מיר — צו דעם וועל איך זיין ווי אַ טאַטע.

ער האָט געלאָזט הערן זיינע רייד מיט אַזאַ יום־טובדיקן ערנסט אַז די חברותא ייִנגע האָבן געטראַכט אַז אָט וועלן זיי זיך צעקייכן מיט אַ מטורפדיקן געלעכטער. אָבער ס׳לאַכן איז פאַרפראָרן געוואָרן אויף זייערע פּנימער. היות דער — האָט פאַרקאַטשעט זיינע אַרבל און איז צו צו איינעם פון זיי, אים אָנגעכאַפּט ביים נאַקן און אים אויפגעהויבן ווי מען הייבט אויף אַ לייכט הינטעלע. ער האָט געשריגן מיט אַן אויפגעפלאַמט פּנים:

היי, ממזר בן הנידה! דו וועסט מאַכן אַ לייטיש געלעכטער פון איינעם וואָס קאָן זיין דיין טאַטע. די בעבעכעס וועל איך דיך אַריינטאָן אין דיין טינופתדיקן מויל.

דער־אָ האָט געצאַפּלט אין דער לופט מיט זיינע הענט און פיס און געשריגן, געמאַכט יעלות באַגלייך אַ קליין קינד. ביז דער גבר האָט אים אַראָפּ־

געלאָזט צוריק און אים געגעבן א לייכטן באקס אין זיין „וויהייסמענם“ און ער האט אים באהארצט געזאגט:

איצטער וועסטו זיין אַ גוטער יינגל. דו וועסט זען אז כ׳האב א גילדן הארץ. קומט דא אלע אהער און איר וועט זען סארא הארץ איך האב.

תוך כדי דיבור האט ער אראפגעצויגן זיין העמדל, אראפגענומען זיין לייבל און ס׳האט זיך אנטפלעקט פאר דער פארפלעמטער חברותא אַ ספעקטאקל וואס זיי האבן קיינמאל נישט געזען. אַ טייל פון זיין גרויסן און ברייטן גוף איז געווען גאנץ באדעקט מיט טעטאווירטע צייכענונגען און פארשיידענע, משונהדיקע אויפשריפטן. ס׳זענען דארט געווען פאטעטישע אויפשריפטן, ווי אַ שטייגער: „עם ישראל חי“; מאמעלע מיינע, איך האב דיך האָלט, מער ווי אַלעמען“; בדם ואש יהודה נפלה, בדם ואש יהודה תקום“ (מיט בלוט און פייער איז יהודה געפאלן, מיט בלוט און פייער וועט יהודה אויפקומען“); „איך האב דיך האלד, פאטערלאנד“. אויך די צייכענונגען זענען געווען מכל המינים: אַ מאמע פון א״י פוןביידע זייטן ירדן; ספרי תורות; די לוחות־הברית מיט די צען געבאטן; צוויי טויבן; אַ הארץ און אַ פייל פון אַ בויגן, וואָס האט געשטעקט אינעם הארצן אלכסונדיק; צייכענונגען אויף טעמעס פונעם ספר בראשית. עפעס אַ מין צונויפמיש, אָן טעם און אָן באטייט. איצטער האט ווידער אלץ געלאכט. אבער דאסמאל איז דאס געווען אַ גוטהארציק לאכן אלע האבן באלד געמערקט אין דאזיקן ריז א נשמה פון אַ קינד.

איצטער זעט איר ווער איך בין? אלע האב איך ליב, כל ישראל. איך האב אַ יידיש הארץ און כ׳בין אַ גוטער מענטש, ממש גאלד.

נאָך אזעלכע זאגעכצן פון דעם מין איז דער חברותא נישט עפעס אנדערש געבליבן ווי שמייכלען צו זיך אליין און זיך איינקוקן אין אים. אינעם שפאגלנייעם סאלדאט ווי אויף עפעס אַ זעלטענער כלי. די גאנצע מחנה איז געקומען אַ קוק טאן אויפן ספעקטאקל און ס׳האבן זיך געפונען עטלעכע סאלדאטן וואָס האבן אים נאך פון פריער געקענט. מלאכי איז געווען אַ באקאנטער פארשוין אין די בידנע פארערטער פון דער שטאט. ער איז געווען א מענטש פון קריגע רייען, לויטן פאך אַ געוועטקעמפער און א באקסער. יעטוועדע קריוודע לגבי וועמען ס׳נישט איז פון די קווארטאלן־באוווינער האט באלד געפונען אין אים זיין גואל. מען פלעגט אים איינזעצן אויף א פאר חדשים אין די חד גדיא פון וועגן די מאסע פארוואונדעטע וואס ער פלעגט שיקן אין שפיטאל אריין, צוליב די אפטע סקאנדאלן און קראוואלן וואס ער פלעגט מאכן וויבאלד ער האט זיך אנגעשכורט. און אז ער איז ארויס ווידער אין די פריי, פלעגט ער ווידער גיין מיט זיין אקסנשריט. אין די שבתים פלעגט ער זיך אריינרייסן אין די שולן און ער פלעגט שטערן אינמיטן דער תפילה פאדערן מען זאל ארויסוואפן פונעם מקום־קדוש דעם פלוני־אלמוני וואס גזלט די געלטער פון ארימעלייט און האט נישט רחמנות אויף יתומים און אלמנות. אין דער תקופה פון די מאורעות, אנפאלן פון אראבער, יידן גערופן „געשעעניש“ דער. איבז.) פלעגט ער זיך אריינרייסן אין די שכנותדיקע אראבישע פאראטער,



צעברעכן שויבן, צעלייגן צוימען און דערלאנגען די אראבער טויטקלעפ. אין אים איז געווען עפעס אַ צונויפמיש פון א מוסר־זאגער, א נביא און פון אן אונטער־וועלט מענטשן.

אויפגעכאָוועט האט ער זיך צווישן די מיסטן פון ארימעלייטס־קווארטאלן. תחילת האט ער געארבעט אלס לערניינגל ביי אַ קצב, אבער וויבאלד עס האט זיך אנטפלעקט זיין געוואלטיקער כוח ביים געבן א באקשטויס, האט ער פארלאזט די סביבה פון דער בוינע און ער האט געצויגן חיונה פון באקסגעוועטן און פון גבורה־סעאנסן, אדער פון אנדערע זייטיקע עסקים, אויף וועלכע די היטער פון געזעץ קוקן מיט אַ קרומען אויג. די יפוער אראבישע שקצימלעך האבן אין אים געזען אַ יידישן נאציאנאלהעלד, ווארום ער האט געגעבן כמות יעדן איינציקן וואס האט געהאט די העזה צו צווייפלען אין די גבורה פון די קינדער פון זיין פאלק. אויך ער גופא האט געקוקט אויף זיך ווי אַ שמשון פון אונדזער צייט, א גבור וואס וועט נאך גרויסע און פארהוילענע זאכן אויפטאן. אבער א חוץ הפקר־מיידלעך אין די יפוער פארווייל־פלעצער און די לאבוזעס פון יפו און תל אביב — האט זיך קיינער צו אים נישט באצויגן מיטן כבוד וואָס ער האט פארדינט. אין די לייטס אויגן האט ער אויסגעזען ווי א הפקר־יינג, ווי א מענטש פון דער אונטערוועלט, וואָס זיין פלאץ איז אין דער תפיסה. זיי האבן אים אויך פון צייט צו צייט פארשפארט און אנגעטאן קייטלעך אויף זיינע שטארקע הענט. נישט איינמאל איז ער ארומגעגאנגען אין דער גרויסער שטאט ווי אַ פארוואונדיקטע חיה — אומעטיק און דערשלאגן און זיין הארץ פלעגט אפגיין אין בלוט, ווייל די לייט באמערקן נישט די ריינקייט פון זיינע כוונות און די שאנקייט פון זיין גייסט. אבער ער ביי זיינס און די לייט ביי דאס זייעריקע. א טיפער תהום ליגט צווישן אים און זיי.

ער האט געהאט אן אלטע מוטער, א ישישה מיט אַ געגרינצלט פנים און מיט געבויגענער געשטאלט. געהאט האט זי שווארצע יינגע, ברענענדיקע אויגן אין וועלכע ס׳האט געטליעט אן אינעווייניקסטער, פארבאהאלטענער ווילן צו לעבן און וייטער צו לעבן ביזן סוף כל הדורות. אין אירע אויגן האט נאך דער ריזן יינג, איר זון, אויסגעקושט ווי ער וואָלט נאך געווען אלץ נאך אַ קינד אין דער וויג. זי האט נאך געצערטלט זיין קאפ און אים געפעשטשעט שמועסנדיק צו אים ווי צו א קינד. און זי האט ארויסגעגאסן אויף אים גאנצע עמערס ליבשאפט. ער ווידער האט איר אפגעדינט מאס פאר מאס. דאס בעסטע עסן פלעגט ער פאר איר ברענגען אין איר איינזאם חדרל אריין. געלט, מתנות און ס׳הארץ זיך אויסגיסן אין איר שויס — איז געווען זיין טאג־טעגלעכע גאב. און אז זי איז געגאנגען מיטן וועג פון יעדן בשר ודם, האט זיך דער ריזן יינג, דער יתום ארומגעטריבן א גאנצן זומער, א הארבסט און א ווינטער ווי א מטורפדיקער. ער פלעגט פלאנכענען אזוי פאר זיך און אכן אין זיך אליין ביז די קינדער האבן זיך אנגעהויבן מיט אים רייצן ווי מיט א משוגענעם. דעמאלט ערשט האט ער זיך אויסגעניכטערט פון זיין גע־

יאמער און ער האט ווידער אנגעהויבן זיינע פריערדיקע שטיקלעך. אבער איצט האט דאס אלץ שוין קיין טעם נישט געהאט און אן אינעוויי־יקסטער יאמער האט געטאטשעט זיין קינדעריש הארץ.

ס׳האט אים אפגעגאלטן אז אין יענע טעג איז ארויס דער ערשטער מאביליזאציע באפעל. ווי אַ טרינקנדיקער וואס כאפט זיך אן אין א שטרויעלע, איז ער געלאפן אין מאביליזאציע־אמט, אבער דארט האט מען אים נישט געוואלט אָננעמען מחמת זיין עלטער. האט ער צעבראכן צוויי טישן אינעם אַמט און ער האט איבערגעשראקן צוויי בלאסינקע באאמטע אויפן טויט און בעל כרחו האט מען אים אנגענומען פאר א סאלדאט אין דער ישראל־ארמיי. ס׳איז שווער געווען זיך אנטקעגנשטעלן זיינע אויפברויזן און מען האט אים, אויף זיין אייגענער פאדערונג באלד געשיקט אין אַ שלאכט־פארמאציע. אזוי ארום איז ער מגולגל געוואָרן אין יענעם אָפטייל פון די יינגיטשקע וואס גרויסן זיך מיט זייערע ווייכע וואנצעס און מיט דעם חן פון זייער יוגנט. ער וועט זיי וויזן — די דאָזיקע סמארקאַטשעס, ווער עס איז אַ סאלדאט א גבור און ווער ס׳איז נישט. זיי וועלן נאך שטאלצירן מיט אים און וועלן דערציילן זיין שבח אלעמען. דאס איז געווען זיין החלטה זינט ער האט זיך מיט זיי צונויפגעטראפן.

דער אופן ווי אזוי ער איז צום ערשטן מאל דא אהערגעקומען האט געקאנט דערוועקן א חשש אז דער דאזיקער ריז וועט ניט טויגן צום מיליטערישן דיסציפלין־לעבן. דער קאמאנדיר פון דער „ביתה“ (באטעריע) און פון דער מחלקה (קאמפאניע) האבן פשוט אויפגעקרעכצט ווען זיי זענען געוויר געוואָרן אז אזא בריאה איז געפאלן אין זייער גורל. אבער צו אלעמענס פארוואנדערונג איז נאך אזא דיסציפלינירטער סאלדאט, ווי מלאכי נישט געווען אינעם גאנצן אָפטייל. ער האָט ממש פארגעטערט זיין מ.כ. באטעריע־פירער און זיין מ.מ. קאמפּאַניע־פירער, פלעגט אויפשפרינגען צו יעטוועדן אויגנווינק זייערן — גרייט צו גיין פאר זיי אין פייער און אין וואסער. אלע רעגולאמינס און באפעלן וואס אנדערע סאלדאטן טרעטן זיי געוויינטלעך, האט ער אפגעהיטן מיט שטרענגער קפדנות. ער איז געווען אַ דיסציפלינירטער סאלדאט, אן אויפגעפוצטער פון דער פוס־זויל ביזקל דעם קאפּ.

פּאַמעלעך־פּאַמעלעך איז ער באליבט געוואָרן ביי דער גאנצער מחלקה. באוווסט אדער אומבאוווסט פלעגט ער אפטון אלע ארבעטן וואס זענען נישט באזונדערס באליבט ביי די סאלדאטן, ווי א שטייגער: דאס רייניקן דעם באראק, דאס איבערבעטן די בעטן און דעסטגלייכן. איז עמיצער פון דער מחלקה איבער דער מאס מיד געוואָרן איז באלד צון אים צו משה מלאכי און ער האט פון אים גענומען אן טענות און מענות דעם ריזקן טארניסטער אדער דעם קוילן־גארטל און ער האט עס גענומען אויף זיין בריטער פּלייצע ווי אַ שפּילעכל. האָט עפּעס געפעלט עמעצן, איז ער צוגעגאנגען צום מאגאזינער און פארלאנגט תקיפותדיק צו דערפילן וואָס סע פעלט. אין פרייער צייט פלעגט ער פריילעך מאכן ס׳ינגווארג מיט מעשות פון זיין שטורמיש לעבן און ער



פלעגט זיי ברענגען צו געלעכטער מיט געפּעפּערטע וויצן. נישטווילנדיק האבן אין אים די יינגלעך פונעם מיליטער איינגעזען עפּעס א מין פאטראן און אַ פאָטער וואָס דאגה׳ט פאר זייערע באדערפעניש׳ן און וואס באדינט זיי אן באלוינונג.

דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן האט ער זיך געפילט ווי אַ מענטש, אן אָנגענומענער אין דער געזעלשאפט, וואָס אלע בציען זיך צון אים מיט צוטרויען און ליבשאפט.. ער האט געשטראלט מיט גליק און חדוה, פריד. זיין געלעכטער פלעגט זיך הערן איבער אַ פאר באראקן. ער איז געווען דאנקבאר די יינגלעך פון זיין אָפטייל און ער האט אויף זיי געקוקט ווי אויף זיינע אייגענע קינדער. ער האט זיך ווידער נישט באנוגנט מיטן דערלייכטערן דעם באלאסט פון זייערע רוקנס, אבער ער האט אויך אויסגעבארעט זייער קאמף, וויי איז געווען דעם פרייטער פונעם קיך אויב עמעצער פון זיין אפטייל האט נישט באקומען א בכבודיקע פארציע. און וויי איז געווען א סאלדאט פון אן אַנדערן אפטייל וואָס האט די העזה געהאט עפּעס אנצוטאן איינעם פון זיין אפטייל. אלע האבן געוווסט פון זיין לייכטקייט אַ פלעם צו טאן. און ס׳איז געווען גענוג א קליינע וואָרענונג זיינע אז מען זאל פאר אים מורא האבן אימת־מוות. די מאנען פון זיין אפטייל האבן יעדן טאג געגעסן ארבוזן און טרויבן און „צאברעס (אַזעלכע פרוכטן פון שטעכעדיקע קאקטוסן, וואָס מיט זיי באַצייכנט מען אויך די הי־געבאָרענע ד. איבערז.) און הינער זענען געווען פארן „קומזיץ“, אלץ פלעגט ער שלעפּן פאר זיי פון די ארומיקע דערפער און די איבריקע זעלנער פלעגן די אויגן ארויסקריכן פון קנאה. ער האט זיי געזען ווי זיינע בני־בית און ער האט געהאט אַ גרויסע הנאה ווען ער האט זיך אליין געזען בראש פון די „קינדער“, ווי ער פלעגט זיי רופן פאר זיי אין די אויגן און הינטער זייערע אויגן.

אַממייסטן האט ער זיך איינגעקויפט אינעם הארצן פון די סאלדאטן — אז ביי אים האט זיך נישט ארויסגעוויזן קיין שום סימן פון פחד בעת די שלאכטן. ס׳האט זיך אויסגעדוכט אז זיין קליינער קאפּ איז גארנישט מסוגל צו טראכטן די לאגישע מענטשלעכע מחשבה אז מען קאן געהרגט ווערן, פארוואונדעט ווערן אן גענומען ווערן אין פלען בעת דער שלאכט. ער איז געווען אזוי זיכער אין זיין אייגענער גבורה, אז ער האט גארנישט ארויפגעבראכט אויף זיין געדאנק די סברא אז עמעצער וואָס איז שוואכער פון אים קאן אים טרעפן מיט אַ טייטנדיקער פוליע. דער איינציקער שינוי וואס איז אין אים איינגעטראטן — איז געווען זיין שמועסן און פארנעמען זיך מיט גאָט. ביז דעמאלט האט אים דער אייבערשטער לגמרי נישט באשעפטיקט. מיט די הכנות צו אַ שלאכט־טעטיקייט האט ער זיך פלוצעם דערמאנט אין שטיקלעך תפילות און זמירות פון שבת, יומטובים, ראש השנה און סליחות. די יינגע פלעגן זינגען פלמ״ח־לידער און מלחמה־לידלעך און ער פלעגט פרעפלען פסוקים פון תהילים אדער צעזינגען זיך מיט ניגונים פון שמחת תורה. נישט איינמאל פלעגן די יינגעלייט זיך אנשליסן מיט זייער געזאנג,

וואָרעם ער האט אינגאנצן געשטראמט מיט בטחון און פריילעכקייט, ווארעם בעת דאס הארץ ציטערט איז גוט צו געפינען זיך אין געזעלשאפט פון אַ מענטשן וואס פאריאגט דעם פחד מיט זיין עצם־קיום.

איינמאל איז זיין אפטייל שטעקן געבליבן אין אַ פאסטקע פון אַ קרייצפייער פון אלע זייטן און די לייט האבן זיך איינגעקלאמערט אינעם באדן פון דער וואדי (ריוו) פון יאוש־פחד. וואָלטן זיי דארט נאך געבליבן א האלבע שעה, וועלט דער פיינט אנטדעקט זייער באהעלטעניש און ער וואָלט געמאכט פון זיי א תל מיט זיינע קוילווארפערס. דער מצב איז געווען קלאר, אזש ס'האָט גענומען א שרעק. דער מ.מ. קאָמפאניע־פירער האט געגעבן א באפעל צו זיינע לייט אריינצורייסן זיך גראד אין איין פאָזיציע און זי איינצונעמען. אנדערש וועט נישט בלייבן ביז פרימארגן אפילו איין לעבעדיקער סאלדאט. די סאלדאטן זענען געווען כמעט פאראליזירט פון פחד. זיי האבן זיך ניט אויפגעהויבן צום קול פון דעם באפעל. דעמאלט איז משה מלאכי צוגעקראכן פון מאן צו מאן, געטערעט אים פאר די פלייצעס און געמורמלט אין זיינע אויערן אַרייַן.

— זאָלסט נישט זיין קיין חמור, קיין אייזל באדאס זיך נישט אין די הויזן. וואָס זשע ביסטו: א סאלדאט? אדער א שטיק טינופת? שטיי אויף, חביבי, און מירן זיי געבן, די כלבים, די ממזרים די דאזיקע, אז זיי זאלן אונדז געדענקען ביז אין זייערע טאנס טאנס צייטן.

ענצלוויז זענען דעמאלט אויפגעשטאנען די חברה און משה מלאכי האט זיך אַ שטעל געטאן בראש, ער האט גענומען זינגען מיט מטורפדיקער התלהבות: „ד' מלך ד' מלך, ד' ימלוך לעולם ועד". — מיט א ניגון פון שמחת תורה און די חברותה האט אים נאכגעזונגען ווי היפנאטיזירט און זיי זענען נאך אים נאכגעלאפן. דאס איז געווען אזא ארויסרייט וואָס האט דעם פיינט פארפלעפט אזש זיינע מאשינגעווערן זענען אויף א ווייל שטיל געבליבן. ביז זיי האבן זיך אויסגעטשאדעט פון פארבליפעניש איז שוין דער אפטייל געווען אין זייערע פאָזיציעס און משה מלאכי האט שוין געברומט זיינע ווילדע ברומענישן און מיט זיינע הענט געשפאלטן קעפ, זיינע פינגער שטיקן העלזער און זיינע ליפן ברענגען ארויף שוים. א לאנגע צייט נאכדעם ווי די שלאכט האט זיך איינגעשטעלט מיט אַ גרויסער מפלה פארן שונא האט מען נישט געקאנט באַרויקן משה מלאכי'ן. ער האט זיך געדרייט א הער און אהין ווי פארכאפט פון טירוף און ער האט געוואלדעוועט למאי מען לאזט אים נישט ווייטער זיך אריינרייסן דארט אהין. דער סאניטאר פון דער פלוגה איז געווען געצווונגען אים איינצושפריצן אַ שלאף איניעקציע וואס האט אים איינגעשלעפערט איף א טאג און א נאכט. נאכדעם ווי ער האט זיך אויפגעוועקט פון זיין דרעמל האט ער געהאט אויגן פון א פארחלומט קינד און ער האט זיך פאררויטלט און אריינגעגראבן זיינע אויגן אין דרערד, בעת מען האט דערמאנט דעם פאל אפילו מיט א רמז. ער איז געווען זיכער אז די קדושה פון די תפילות זענען זיי בייגעשטאנען. און דער פסוק איז שטעקן געבליבן אין זיין הארץ



ווי אַ קמיע וואס מען זאל וועגן איר נישט טראכטן. פון דעמאלט אָן האט ער ארויסגעלאזט פון זיין רעפערטואר דעם א פסוק. ער האט אים געהיטן ווי אַן אוצר פאר א צייט פון א גרויסער סכנה.

און נאך אַ גרויסע מעלה האט ער געהאט — ער פלעגט צונויפצוזאמלען פארוואונדעטע אין די געפערלעכסטע פלעצער. זיין שטארקער און שווערער גוף האט געקאנט קריכן מיט דער געדולד פון א מוראשקע אין א ברחק פון קילאמעטערן איבער פעלזן און וויסט־לאנד בכדי אנצולאדענען אויף זיין רוקן איינעם אדער צוויי פארוואונדעטע און זיי ברענגען בשלום צו דער סטאציע פון ערשטער הילף. דאס איז געווען אין זיינע אויגן א חדוהדיקער אויפטו, וואָרעם אלע פארוואונדעטע וואס ער האט געשלעפט אויף זיין רוקן, בלוט־שטראמענדיק און פארחלשט, האבן זיך צו אים צוגעבונדן בלב ונפש און האבן אים האלד געהאט מיט א ליבשאפט וואָס איבער איר איז גארנישט פאראן. און ער איז געווען דארשטיק צו ליבשאפט. ער האט געפילט אז דערמיט קויפט ער זיך איין פריינט וואָס זייערס גלייכן האט ער זיין לעבטאג נישט געהאט. יעדער נייער פארוואונדעטער איז א נייער פריינט און ער האט זיך געפרייט איינצוקויפן זיך אזעלכע פריינט. אלץ וואָס זיין לעבן האט אים ביז איצט באראבעוועט, איז אים איצט צוריקגעגעבן געווארן כפל־כפלים. און ווער עס האט נישט געזען משה מלאכי, דעם ריזן־יינג אַרומנעמען א דארן פארוואונדעטן — דער האט נישט געזען קיינמאל די חדוה פון פריינטשאפט אין זיין לעבן.

ס'זענען נישט פארגאנגען דריי חדשים פון יענער ערשטער נאכט אין וועלכער עס איז דערשינען פאר די יינגע סאלדאטן מיט אלע זיינע קאמישע העויות און שוין האבן אים אלע ארומגערינגלט מיט ליבשאפט און פארערונג אָן גרעניץ אט דער מענטש וואָס אין דער ארימקייט, פארשטאט האט מען געהאלטן פאר אַ פארברעכער און א פורץ־גדר, האט זיך קונה־עולם געווען אין זיין קורצן מיליטער־לעבן וועגן זיין תמימותדיקער נשמה און דער ריינקייט פון זיין הארץ. דער גאנצער גדוד האט אים פארערט, ווארעם אויך אין דיי אנדערע אפטיילן זענען געווען א סך וועמען ער האט געראטעוועט דאס לעבן מיט מסירות־נפש.

און אָט זענען געקומען די לאנגע און לאנגווייליקע קאמפס־שטילשטאנד טעג. משה מלאכי האט געפונען זיין טויט —לגמרי נישט לויט די באגריפן פון זיין גבורה. ער איז געגאנגען קלייבן ארבוזן פאר די יינגלעך פון זיין אפטייל איז ער ארויף אויף אַ מינע און אינגאנצן צעריסן געוואָרן.

יידיש ש. שפיוואק

## משה עובר

# א שמחה אין הימל *

אין דעם אלמעכטיקנס אלצזעענדע אויגן
איז הארציקע ארבעט ווי ס'הארץ טייער,
ער אכטעט עס ווי דעם יואוועלירטן רעגענבויגן,
ווי דעם שפעררישן לײדיקגייער.

ער שפיגעלט זיך אין שיינע ספרים שאנקען
מער ווי אין געפייניקטע געדריקטע געדאנקען,
אין אַן אויסגעטאקט באקוועם קלייד,
וויקעלט ער אין ש"י עולמות פרייד.

האָט ליבע געבויט ערגעץ א הויז,
איז עד לב־השמים די שמחה גרויס,
ווייל אין דעם ליכטיקן פנים
פון טוירן, טירן, פענסטער און ווענט
האט כביכול די סימנים
פון זיין אין־סוף דערקענט.

אין אזעלכע פענסטער שיינען ווי ברילִיאנטן די שויבן,
טירן און טוירן עפענען זיך ווי גן־עדן־בלומען,
איבער יעדן געזימס זינגען זמירות טויבן,
רופן מיט זייער אטעם זיין ליבן נאמען.

די צוויי דריי טרעפלעך בלויס,
דערגרייכן צום הימעל הויך,
און דאס ברויט מיט וואַסער אין אזא הויז
איז געשמאקער פון קרעפלעך מיט יויך.

---

* ..דאס ליד פונם בוך „זינגענדע רעיונות" פון משה עובדס בוך וואס דערשיינט בקרוב. גלייכצייטיק דערשיינט אויך זיין באקאנטע מעמוארן בוך „וויזיאנען און איידעלשטיינער", אין אַ פארגרעסערטער אויפלאגע אין דריי טיילן. די טעג איז שוין ארויס פון דרוק משה עובדס נייַ בוך „די גאולה שעה" (א וויזיע). אן אפהאנדלונג אין די קומענדיקע נומערן.



## יחזקאל נח ערליכמאן

# „פתקא מן שמיא"

(אַ מעשה פונם חוזה מלובלין)

צום רבין מלובלין איז געקומען צופארן זיינס אַ חסיד און מיט געברענגט זיין זון, א בחורל פון א יאר 13, זער א געראטענער, אַ שארפן קאָפּ, געקאנט לערנען פאר זיך גמרא מיט תוספות. עס איז אבער דעם פאטער נישט געווען באַשערט צו האבן פיל נחת פון אים, און דאס איבער אן אומשולדיגע סיבה.

דער פאטער איז געווען אין ווארשא וועגן געשעפט. האט ער דערזען אין אַ פענסטער פון אַ ספרים געשעפט אויסגעשטעלט דאס ספר „מורה נבוכים" ער האט ווייניג געהערט דערפון פריער, און האט ווייניג פארשטאנען. נאר ווייל עס איז געשטאנען אויף דעם פאדער בלאט אז דער רמב"ם איז דער מחבר פון דעם ספר, און עס איז געווען שיין געדריקט און שיין געבנידן האט ער עס געקויפט אלס מתנה פאר זיין זון, אין פון דעם מאמענט האבן זיך אנגעהויבן דעם פאטערס צרות:

דער זון וואס האט שוין דאמאלט געקאנט גוט העברעאיש האט גענומען שטארק און ערנסט לערנען דעם מורה נבוכים, און עס האט געמאכט אזא איבערקערעניש אין זיינע געדאנקען, אז ער האט זיך שוין נישט צופרידן גע־שטעלט מיט בלויז מאמרים פון מורה נבוכים, און ער האט שוין געזוכט אנדערע השכלה ספרים, וואָס ער האט גרינג באקומען פון די שטאדט משכילים.

דער בחור איז געווען קלוג גענוג נישט צו רעדן מיט זיין פאטער — א חסיד — פון אזעלכע זאכן, און דער פאטער א קנאפער יכול, האט נישט פארשטאנען וואָס מיט זיין זון קומט פאר. ער האט באמערקט, אז דער בחור האט זיך אנגעהויבן צו קליידן דייטשמעריש, זיין קאפאטע האט ער זיך געלאזט ביים שניידער איבערארבייטן, עס זאל זיין צו קנאפלען פון לינקס אויף רעכטס, די הויזן לאנג ארויס געלאזט איבער די שטיוועל, דאגעגען די פאות האט ער שטארק פארקירצט, אלץ אזעלכע זאכן וואס אין די דאמאלסדיקע יידישע שטעדט איז עס געווען זער מאדנע, און ווען דער פאטער האט עס געוואלט צוריק האלטן פון דער הנהגה, האט די מוטער זיך שטארק איינגע־שטעלט פאר איר בן יחידל, און נישט געלאזט פאלן אויף אים קיין שטויבעלע.

נאר ווען ער איז געפאָרן צום רבין פון לובלין, האבן אים חסידים צו גערעדט, ער זאל דעם בחור מיט נעמען, עס קאן דאך זיין אז ער וועט זיך צו הערן צום רבינס דברי מוסר, און וועט בעסער ווערן. דער פאטער האט אים טאקע מיט גענומען, זיי זענען געקומען קיין לובלין אום דאנערשטאג. ער האט זיך אגאנצן טאג געדרייט צווישן די חסידים און אויסגעהערט זייערע חסידישע מעשות און עס האט אממערסטן אים אימפארנירט די גרויסע אמונה וואס זיי האבן אין רבין, אז קיין זאך איז נישט פארהוילן פון אים. און ווען אַ חסיד קומט צו אים אַריין שלום נעמען ווייסט ער באלד מיט וואס פאר

א מחשבות ער טראגט זיך ארום, און האט שוין אומגעדולדיג געווארט דער פאטער זאל אים אריין פירן שלום נעמען, אין זיך איבערצייגן אין דעם.

ווען זיי זענען אריינגעקומען צום רבין, האט ער דערלאנגט די האנד צום פאטער, אין דאן האט ער זיך איינגעקוקט אין דעם בחורל פאר א פאר מינוט און האט אים אנגענומען ביי די לאץ און זאגט צו אים מיט אַ זער ווייכע שטימע, אבער גאנץ ערענסט אין לאנגזאם, ווי ער וואלט געציילט יעדעס ווארט: „כך הוא דרכו של יצר הרע, היום אומר לו עשה כך, ולמחר אומר לו עשה כך, עד שאומר לו לך עבוד עבודה זרה“ (אזוי איז דער וועג פון יצר הרע, היינט זאגט ער אים טו דאס, און מארגן זאגט ער אים, טו דאס, ביז ער זאגט אים גיי אין דיען אבודה זרה) ער האט אים די האנד נישט דערלאנגט, און האט געוויזן מיט די האנד, ער זאל זיך אבטראגן.

דער בחור הערענדיג אזעלכע דיבורים איז ער געווארן זער דערציטערט ער האט שוין געוואלט אהיים פארן, ער האט אבער איינגעזען, אז ער וועט דאס נישט פועלן ביים פאטער, ער וועט נישט אוועק פארן פאר שבת, ער האט ביי נאכט נישט געקאנט איינשלאפן, האט ער געהאט צייט זיך צו באדענקן און האט זיך באשלאסן אויף א זער ווילדע זאך.

פרייטאג פרי באלד נאך אנבייסן, איז ער פארשווינדן געווארן פאר א שיינע פאר שעה. דער פאטער איז געווארן זער באזארגט, ווען ער איז גאנץ שפעט צוריק געקומען, האט דער פאטער נישט געקאנט געוואר ווערן ווי ער איז געוועזן די גאנצע צייט, און כאטש דער פאטער איז געוועזן שטארק אין כעס, האט ער זיך געמוזט צוריק האלטן, ער האט גוט געקאנט זיין סחורה, און איז, געווארן צו פרידן, אז ער איז מיט געגאנגען צום דאוונען אין רבינס בית־המדרש.

אין די זעלבע צייט איז פארגעקומען ביים רבין אין זיין שטיבל אן אויסער געווענליכער פאל, אפאר מינוט פאר ליכט צינדן, ווען דער משמש האט דערלאנגט דעם רבין זיין שבתדיגע זיידענע קאפאטע, האט ער זי באלד צוריק געגעבן, און געזאגט „גיב נאר א קוק וואס איז עפעס היינט די קאפאטע אזוי שווער“? דער משמש נעמט צוריק די קאפאטע, און זאגט, רבי! זי איז דאך אַזוי ווי אלע מאל, איך פיל די זעלבע וואג, ווי אלע מאל. „גיב נאר א קוק — זאגט צו אים דער רבי מיט אַרירענדע שטימע — אין די קעשענעס.“ דער משמש טוט אריין אין א קעשענע און צו זיין פערווינדערונג נעמט ער ארויס אַ פארמאכטן בריוו ער וויל אים געבן דעם רבין, דער רבי האט נישט גענומען דעם בריוו, נאר זאגט צום משמש ער זאל פארלעזן צו וועמען דער בריוו איז געשריבן. די אדרעס איז געווען געשריבן מיט שיינע לשון הקודש אותיות, און דער משמש לייענט ארויס די פאלגענדע ווערטער „פתקא מן שמיא למרנא ורבנא יצחק יעקב בן מאטיל שלום“. אַ קורצע מינוט, זענעןביידע געבליבן שטיל, דאן זאגט דער רבי: אין וואָס שטייט אויף די צווייטע זייט? דער משמש דרייט איבער דעם קאנווערט, און זיי ווערן דערשטוינט צו זען אַז דער שם הויה איז געשריבן מיט זער גרויסע אותיות, אז עס האט פארנומען



דעם גאנצן קאנווערט, דער משמש איז געווארן אויסער זיך, עס האט געהערשט אקורצע פיינליכע שטיל שווייגן, און דאן האט דער רבי געזאגט: „חותמו של הקדוש־ברוך הוא, אמת“. עס איז שוין יעצט די צייט פון קבלת שבת, לייג אוועג דעם בריף ביז מוש״ק און פאר צייל נישט קיינעם, פון דעם געשעעניש.

דער משמש האט קיינעם נישט פארציילט, אבער שטילערהייט האט ער נאכגעפארשט צו דערגיין, ווער עס איז דער שרייבער פון בריוו, ער האט זיך ארויסגעכאַפט מיט אַ וואָרט, אין עס איז געגאנגען פון מויל צו מויל, אז עס איז אנגעקומען א בריף צום רבין פון יענער זייט סמבטיון מיט זער וויכטיגע סודות, און וואס מער דער משמש האט זיך צוריק געהאלטן, צו ענפערן אויף די פיעלע פראגן, האט זיך ביי די חסידים נאך שטארקער צו פלאקערט די פאנטאזיע און באשאפן פארשידענע מעשות אזוי האט עס אנבעהאלטן א גאנצן שבת.

מוצאי ש״ק נאך הבדלה, ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין זיין שטיבל, זענען שוין דארט געוועזן פארזאמעלט, ווי אלע מצש״ק די חשובע חסידים, ביי די טיר אויסוועניג האט אויך געווארט א גרויסער עולם, דער רבי האט אבער געזאגט צום משמש, ער זאל הייסן אלע ארויסגיין, ער וויל זיין יעצט נאר מיט דעם משמש אליין.

ווען אלע זענען ארויסגעגאנגען, האט דער רבי געהייסן דעם משמש עפענען דעם בריוו און זאל זיין פארזיכטיג נישט קאליע צו מאכן דעם שם הויה. דער משמש האט ארויס גענומען דעם בריף און אנגעהויבן צו לייענען פארן רבין.

דער תוכן איז געוועזן:

אויסגערעכנט די גרויסע מדרגות פון רבין — „ראוי הוא שתשרה עליו שכינה אלא שאין דורו זכאי לכך“ (ער איז ווערט, די שכינה זאל רוהען אויף אים, נאר זיין דור איז נישט ווערט דערצו) ובכן זאל ער גיין ביי נאכט בעת חצות צו דעם און דעם בערג, און דארט וועט ער זוכה זיין צו אמתע התגלות א׳ אין השראה השכינה...

דער רבי האט אים אבגעשטעלט, ער זאל שוין מער נישט לייענען, און פרעגט אים, אויב ער האט עפעס געוואר געוורן ווער דער שרייבער איז. ער האט געזאגט אז ער האט נישט געקאנט צופיל זיך נאכפרעגן, און האט אויך פערציילט, אז עס גיין ארום צווישן עולם פארשידענע קלאנגען און דעריבער האט ער זיך נישט געוואלט צו פיל נאך פרעגן. זאגט צו אים דער רבי: ער זאל גיין אין דער קיך פרעגן גלאט אזוי, אומבעמערקט, מסיח לפי תומו, צי עס איז נישט דא געוועזן א יונגל פון א יאר 12־13, האלב דייטשמעריש

דער משמש איז צוריק געקומען אין געזאגט, אז פרייטיג ווען דער רבי איז געגאנגען אין די מקוה איז געוועזן אין די קיך אַזאַ יונגעל, ער האט געזאגט ער וויל אַ טרינק וואסער און איז באלד אוועק געגאנגען. ווי דער רבי האט עס דערהערט, האט ער אויסגערופן: „אָ, וואו! האלט ער שוין אזוי ווייט“?

און דאן זאגט ער צום משמש:

עס איז זעהר נייטיג, און איך פערלאנג פון דיר דו זאלסט שוין יעצט גיין צו דעם ייד אויף זיין אכסניא, און זאג אים אין מיין נאמען, אז ער מיט דעם בחור זאל שוין היינט ביי נאכט ארויס פארן פון לובלין, דער פאטער, נעבעך אן אומשולדיגער, וועט דיך נישט פארשטיין און וועט שרייען: „מה פשעי, ומה חטאתי?" זאלסט אים זאגן, אז עס איז אַ גרויסער חשד אז זיין זון האט אונטערגעוואָרפן דעם בריוו צום רבין, און אויב חסידים וועלן זיך דערוויסן פון דעם, איז ער מיט דעם זון אין גרויס סכנה. דער פאטער האט פארשטאנען די גרויסע געפאר און האט באלד מקיים געווען דעם רבינס באפעל.

וואָס עס איז געוואָרן פון דעם בחור איז נישט באקאנט אויף זיכער. עס זענען געווען קלאנגן, אז ער איז אוועק שטודירן קיין פעטערבורג, און עס זענען ליידער מקוים געווארן דעם רבינס דיבורים.

* * * * *

ווען מען האט פארציילט די מעשה פארן חידושי הרי"ם, האט איינער אים געפרעגט, אַזוי ווי דער שם הויה איז דאך דער נאמען פון רבש"ע, פאר וואָס איז עפּעס חותמו של הקב"ה אמת? האט ער געענטפערט בדרך צחות: ווייל דאס איז אַ חותם וואס מען קאן נישט פעלשן (ס'הייסט מען קאן אים ניט מזייף זיין), ווארים טאמער פעלשט מען אים, איז ער דאך שוין ניט אמת.

---

## ס. פאלמע

### הענט...!

אין יעדן פלעק ז'פאראן געשטאלטן,
אויסבעהאלטן
אויפן פאָלעפּ, אויף די ווענט
מיט טויזנט הענט:

הענט וואָס טייטלען און זיי שטראפן.
הענט וואָס בענטשן, צערטלען, רופן
און דו גייסט ניט,
ווייל דו ווייסט ניט,
ס'איז דיין גייסט וואָס וואונקט און הייסט ניט,
פאלגן הענט,
אויפן פאָלעפּ, אויף די ווענט.
הענט, הענט,
טויזנט הענט:
הענט פון בדחן.
שדכן.
„לאַטכן": —



די וואָס „בודקן".
חוזקן.
„ראנזשען".
בלאנדזשען.

און זיי גלעטן;
הענט וואָס בעטן.
הענט וואָס גיבן, הענט וואָס נעמען.
הענט וואָס לאסצשען, נ'די וואָס קלעמען. —
הענט! הענט! הענט!
טויזנט הענט,
אויפן פאָלעפּ, אויף די ווענט.

נאַ דיר הענט:
פוכקע הענט.
דאַרע הענט.
מאַמע־הענט
און טאטע־הענט:
אלץ איז קענטיג.
אלץ איז הענטיג:
די וואָס נארן,
דורשטן, גארן, —
רק זיי שפּילן,
ווילן, ווילן,
ווילן אין אַ ווינקעלע אַ שטילן.

ווערן זיי דיר דאכט זיך נאענטע:
טייל מיט טוגנד, טייל אויך בונטע, —
די וואָס שענקען בלועמן־קראנצן,
די וואָס טאנצן, טאנצן,
טאנצן קאראַהאָדן,
אנגעלאדן
מיט שמאראגן און ברילאנטן;
דא און דארט אַן אלט־באקאנטן,
אויסבעהאלטן
אויפן פאָלעפּ, אויף די ווענט. —
הענט! הענט! הענט!
טויזנט הענט,
אַ גאנצער וואלד ——
גוואלד!!!

## יוסף פרענקל

# הערצל און דער פויפסט

„פאר די הייליקע מקומות פון קריסטנטום דארף געפונען ווערן אן אינטערנאציאנאלע עקסטעריטאריאליטעט. מיר וועלן בילדן אן ערן־וואך ארום די הייליקע ערטער און מיט אונזער עקזיסטענץ פארזיכערן די דערפילונג פון דער פליכט. די ערן־וואך וואלט פאר אונז געווען א סימבאל פאר דער לייזונג פון דער יידן־פראגע נאך 36 ליידנספולע דורות“.

אַט די ציוניסטישע שטעלונג צו די קריסטלעכע הייליקע מקומות איז דורך הערצלען פארמולירט געווען אין זיין בוך „יידנשטאט“ און נאך זיין טויט פון פארשיידענע פרעזידענטן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ווידערהאלט געווארן אין אן ענלעכער פארם. יידן האבן תמיד געהאט דרך ארץ פאר די הייליקע ערטער פון קריסטנטום און איסלאם און האבן גלייכצייטיק פארלאנגט, אז אויך די קריסטן און די מוסלמענער זאלן האבן דעם זעלבן רעספעקט פאר אונזערע רעליגיעזע דענקמעלער.

הערצל האט זיך באמיט צו געווינען פאר דער ציוניסטישער זאך נישט נאר די אייראפעאישע רעגירונגען אליין, נאר אויך די פארשטייער פון די פארשיידענע רעליגיעס. איינער פון די ערשטע, וואס האט זיך באגייסטערט פארן יידישן שטאט, איז געווען דער ענגלישער גייסטלעכער פון דער געזאנדשאפט אין ווין וויליאם ה. העכלער. שפעטער, דער גאלעך איגנאציוס פון לאנדאן. ענגלישע גייסטלעכע האבן אפגעגעבן פרא־ציוניסטישע דערקלערונגען, צווישן זיי אויך קארדינאל ווקהאם, דער ארצבישאף פון וועסטמינסטער, וועלכער האט געווונשן „דערפאלג די פלענער פון ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס“.

רוים האט דערהאלטן באריכטן וועגן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין יאר 1897. רוים האט געקוקט אויף באזעל און זיך צוגעהערט. דער וואַטיקאן האט מיט גרויס אינטערעס פארפאלגט די פּאָליטישע אקציעס פון הערצלען. דאן איז געווען דער הויפט פון דער קאטוילישער קירך דער פויפסט לעאן 13־טער.

יידן האבן מורא געהאט פאר לעאן דעם 13־טן, הויפטזעכלעך אין דער צייט פון דעם „הילסנער פראצעס“. אפילו קארדינאל וואוקהאם האט דעמאלט פראטעסטירט קעגן דער וואטיקאנער צייטונג „אבסערוואטארע ראמאנא“, וועלכע האט מיטגעזונגען אין כאר פון די העצער איבער „ריטואלן מארד“. דער ווינער אנטיסעמיטישער פירער קארל לועגער האט דערהאלטן די „פויפסטלעכע ברכה“ און די פּאָליטיק פון וואטיקאן אין דער צייט פון דער „דרייפוס־אפערע“ איז געווען אן ענליכע.

אויך הערצל האט מורא געהאט פאר דער קעגנערשאפט פון הייליקן שטול צום יידנשטאט און האט זיך באמיט צו געווינען פאר „זיין זאך“ דעם



ווינער נונציוס אגליארדי. אבער אגליארדי איז געווען קעגן, אויס מורא פאר א לייזונג פון דער יידן־פראגע דורך א יידן־שטאט.

אייניקע וואכן נאכן ערשטן ציוניסטישן קארגרעס האט „דיילי ניוס“ פארעפנטלעכט אַ מעלדונג פון רוים, אז לעאן דער 13־טער האט געהאט אַרויסגערופן פון קאנסטאנטינאָפּאָל דעם מאנסיגנארע באנעטי, כדי זיך צו באראטן מיט אים וועגן מאסמיטלען קעגן ציוניזם און וועגן עווענטועלער אינטערווענץ ביים סולטאן קעגן איבערגעבן ארץ ישראל די יידן. אויסער דעם האט זיך דער פויפסט געווענדעט אין דער זעלבער אנגעלעגנהייט צו „דעם באשיצער פון קריסטן אויפן אריענט“ — פראנקרייך. די ידיעה איז פון דער גאנצער וועלט־פרעסע קאנמענטירט געוואָרן. מען האט געהערט שטימען פאר און קעגן ציוניזם באלד איז דערשינען א דעמענטי פון וואטיקאנער קרייזן. דער אינטערעס ארום דער ציוניסטישער באוועגונג האט זיך פארגרעסערט. רעגירונגען האבן געפאדערט פון זייערע באטשפטער אין רוים מער איינצלהייטן וועגן דער שטעלונג פון וואַטיקאן.

הערצלס אַ חבר אין ווין איז געווען דער זייער פאפולערער זשורנאליסט, ווילהעלם גאלדבוים. די „נייע פרייע פרעסע“ האט זיך אנטקעגנגעשטעלט דער ציוניסטישער באוועגונג. די ארויסגעבער פון דער צייטונג, בענעדיקט און באכער, האבן געוואלט אפקויפן דעם מאנוסקריפט פון הערצל „יידנשטאט“, כדי צו פארהינדערן די גרינדנוג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. טראץ דעם איז הערצלען געלונגען צו געווינען פארן אפיציעלן ציוניסטישן ארגאן אייניקע מיטארבעטער פון דער „נייע פרייע פרעסע“, צווישן זיי וו. גאלדבוים, וועלכער האט געשריבן אונטערן פסעודאנים „ספעקטייטאר“ און „א. ערטער“.

הערצל האט אונטערגענומען אין זיין צייטונג די „וועלט“ וויכטיקע פּאליטישע אקציעס, — ווידמענדיק ארטיקלען ספעציעל געשריבן פאר געוויסע פערזענלעכקייטן. אזוי רעדט הערצל דורכן „ספעקטאטאר“ צום פויפסט און דורך „א. ערטער“ צום קייזער ווילהעלם דער צווייטער.

הערצל האט אויף אזא אופן געשטעלט פראגן צום פויפסט, ווי צ.ב.:

איז דען סאלאדין אַ בעסערע גאראנטיע פאר די קריסטן אין פּאַלעסטינא, ווי נתן? צו פאסט עס דען דעם פויפסטום, וועלכער האט אמאל אונטערגענומען קרייץ־צוגן קעגן נישט־גלויביקע, צו אפעלירן צום סולטאן קעגן די יידן?

אמאל איז אנטשטאנען די לעגענדע — דערציילט הערצל — אז מוחמד אליין איז געשטאנען ביים קבר פון קריסטום און האט באמערקט דארט אַ גריך, וועלכער האט מיט אַ לעמפל אין האנט באוואכט דעם קבר. יידן רעספעקטירן די הייליקייטן און דער לעמפל, מיט וועלכן דער גריך האט זיי באוואכט, וואָלט געקענט אויך אנפארטרויט ווערן די יידן. דער ציוניזם שטרעבט צו א יידנשטאט און נישט צו אן אויפהעצונג פון „ירושלים קעגן רוים, דער דעם קלויסטער קעגן מעטשעט“. די יידישע פארפליכטונג צו באשיצן די הייליקע ערטער איז ערלעך און זאל אנערקענט ווערן דורכן פויפסט.

דאן איז דערשינען די מעלדונג פון רוים מיט אַ דעמענטי וועגן דער אקציע פון פויפסט ביים סולטאן קעגן די יידן. דער דעמענטי האט געזאלט ווייזן פאר דער אויסערלעכער וועלט, אז דער וואטיקאן מישט זיך נישט אריין אין די ענינים. דאך האט הערצל מורא געהאט, אז דער וואטיקאן וועט זיך עפענטלעך ארויסזאגן קעגן ציוניזם. ער האט פארדאפלט זיינע באמיאונגען, כדי צו באווירקן, אז רוים זאל ווערן פרא־ציוניסטיש. מעגלעך, אז די שפעטערדיקע „נייטראליטעט" פון פויפסט, איז אַ רעזולטאט פון הערצל אקציע.

דעם 20־טן יולי 1903 איז דער פויפסט לעא, דער 13־טער געשטארבן און אויף זיין ארט איז געקומען פיוס דער 10־טער.

דאָס איז געווען אַ צייט, ווען אין דער ציוניסטישער באוועגונג האט געהערשט דער אוגאנדא־קאנפליקט. א שווערער קריזיס האט דערשיטערט די ציוניסטישע ארגאניזאציע. אַ פאנאטיקער האט אפגעגעבן צוויי שאסן אויף נארדויען. אַ שטורמישע אפאזיציע האט זיך אויפגעהויבן קעגן הערצלען, טראץ דעם, וואס ער האט פייערלעך דערקלארירט, אז די באזעלער פראגראם וועט נישט געענדערט ווערן און אז ציון און ירושלים בלייבן אלס ענדציל.

אין יאנואר 1904 האט הערצל געווילט אין ווענעציע. דא האט ער זיך באקאנט מיטן בארימטן מאלער און פויפסטלעכן קאנטע ליפיי. מען האט גערעדט וועגן ציוניזם, וועגן די הייליקע ערטער און וועגן טערקיי. ליפיי, וועלכער איז געווען באפריינדעט מיטן פויפסט, האט אליין הערצלען אנגעבאטן צו מאכן אן אוידיענץ ביים פויפסט פיוס דעם 10־טן. צוויי טעג שפעטער איז הערצל פארשטענדיקט געווארן וועגן דעם, אז דער פויפסט וועט אים אויפנעמען.

אמאל — וואָס פאר א באליידיקונגען לגבי יידן. ביי דער קרוינונג פון אַ פויפסט פלעגן יידישע פארשטייער מוזן פאר אים קניען. אין דער צייט פון קארנאוואל פייערלעכקייטן פלעגן פרומע קריסטן האבן זייערע באזונדערע פרייד. עס פלעגט פארקומען אַ געיעג. נאקעטע יידן — פארפאלגטע פון סאלדאטן און פערד, באווארפן דורך די איינוווינער פון רוים מיט שמוץ און אפפאל, געשלאגן מיט שטעקנס, פארלעצט דורך שטיינער, — האבן געמוזט לויפן דורך די גאסן צו דער אלגעמיינער שמחה פון די בירגער פון רוים. אין דער יידישער געשיכטע טויכן אויף נעמען פון פויפסטן, וועלכע זיינען א דאנק יידישע ליידן גרויס געווארן.

געוויס זיינען געווען אויסנאמען. אזוי ווערט דערציילט, אז דער ניי־געווילטער פויפסט דער 9־טער (1846־1878) האט דורכפארנדיק דורכן שטאט באמערקט א יידישן זקן, וועלכער איז פלוצלונג צוזאמענגעבראכן און געפאלן. דער פויפסט האט געהייסן אפשטעלן דעם וואגן און ארויפטראגן דעם יידן צו אים. פרומע קריסטן האבן פול כעס אויסגעשריגן: „ער איז דאך נאר אַ ייד!"... דערויף האט פיוס דער 9־טער געענטפערט: „זיינען דען יידן נישט קיין מיטמענטשן, וועמען מיר מוזן העלפן?".

אבער געוויסט זיינען אויסנאמען געבליבן בלויז אויסנאמען. פאקטיש



האט דאס אויסגעזען גאנץ אנדערש.

די באפארשטייענדע אוידענץ האט הערצלען פארשאפט פיל זארגן. ער האט גוט געוווסט, אז ער וועט דארט דערשיינען נישט אלס פריוואט־מאן, נאר אלס רעפרעזענטאנט פון יידישן פאלק. און ענדלעך זיינען זיי געשטאנען פנים לפנים. דער אומגעקרוינטער קעניג פון די יידן און דער הויפט פון דער רוימיש־קאטוילישער קירך. דער מאן אויפן אפאסטאלשן טראן האט דערווארט, אז דער ייד וועט פאר אים זיך שטעלן אויף די קני. אבער ער האט זיך נישט געבוקט, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואס ליפיי האט אים געזאגט, אז ער מוז דאס טאן. דאן האט דער פויפסט אים אויסגעשטרעקט די האנט, ער זאל וויניקסטנס א קוש טאן די האנט, אבער הערצל האט דאס אויך נישט געמאכט.

הערצל האט זיך באמיט צו באַזייטיקן די קירלעכע אנטיציוניסטישע אקציעס און באווירקן דעם פויפסט, ער זאל אין אן ענציקליקא — א פויפסטלעכן רונדשרייבן צו די בישאפן — דערקלערן, אז ער האט גארנישט קעגן ציוניזם. ער האט ווידער אמאל אויסגעדריקט די אנטשלאסנקייט צו פארזיכערן די עקסטערטאריאליזירונג פון די הייליקע ערטער. אויף דעם האט פיוס דער 10־טער געענטפערט: „...עס איז אומאנגענעם, אז די טערקן פארוואלטן מיט די הייליקע ערטער. דאס מוזן מיר דולדען. אבער מיר זאלן באגינסטיקן די יידן אין דערוווערבן דעם באזיץ פון הייליקע ערטער — נאָן פאַסעמוס". און שפעטער די אלטע געשיכטע, וועלכע די פויפסטן האבן אייביק פארלאנקט פון יידן... דא האט זיך געמעלדעט קאנטע ליפיי. ער האט זיך געבוקט פארן פויפסט און „נישט געקענט זיך אנזעטיקן קושנדיק זיין האנט". און הערצל האט באמערקט, אז פיוס דער 10־טער האט דאס ליב געהאט. ער האט זיך געזעגנט. דער פויפסט האט אים אויסגעשטרעקט די האנט מיטן פישער־רינג וועלכע הערצל האט ווידער אמאל נישט געקושט.

אייניקע וואָכן שפעטער האט א טרייער חבר און מיטארבעטער פון הערצל, היינריך יארק שטייגער, געהאט אן אינטערוויו מיט דעם קארדינאל־סעקרעטאר מערי דעל וואל, וועלכער האט געזאגט פאלגענדעס: „אויב די יידן גלויבן, אז אין לאנד פון זייערע אבות וואלטן זי געקענט פארלייכטערן זייער שווערן גורל, דאן איז עס פאר אונז א פראגע פון הומאניטעט... מיר פארגעסן קיינמאל נישט, אז אן דעם יידנטום וואלטן מיר גארנישט ווערט געווען..." און דער קארדינאל האט געבעטן איבערצוגעבן אַ גרוס פאר הערצלען. דער געשפרעך פון הערצלען מיטן מערי דעל וואל און דעם פויפסט האט, ווייזט אויס, דאך געהאט אַ געוויסע ווירקונג.

אין דער צייט פון דער באלפור־דעקלאראציע איז רוים געבליבן „נייטראל". מסתמא האט מען געהאפט, אז דער ציוניזם וועט קיינמאל נישט פארווירקלעכט ווערן. דער וואטיקאן האט דאן זיך געהאלטן אן א נישט־פריינטלעכער נייטראליטעט, וועלכע איז פון צייט צו צייט פארוואנדלט געווארן אין אן אפענער פיינטשאפט, אמאל דורכן שטאאטס־סעקרעטאר קארדינאל גאס־

פאַרי און אַמאָל דורכן מיסיאָנער באַרליסינאַ.

מיט דער ענטשטייאונג פון יידנשטאַט זיינען צעשטערט געוואָרן אַ סך לעגענדעס וועגן יידן, — פאַרפאַסטע אין רוים. פאַר דער קירך איז דער ייִד געווען דער אייביק־וואַנדערער ייִד. איצט אָבער, קערט זיך דער ייִד אַ היים — און אויך דער וואַטיקאַן וועט דאָס מוזן אָנערקענען. ווי די אַנטשיידונג וועגן די הייליקע ערטער זאָל ניט אויספאַלן, וועט דאָך קומען אַמאָל דער טאָג, ווען די ייִדן וועלן איבערנעמען די ערן־וואַך אַרום די הייליקע ערטער און „מיט זייער עקזיסטענץ גאַראַנטירן פאַר דער דערפילונג פון דער פליכט“, פאַרן געפינען אַ פאָרם פון עקסטעריטאָריאַליטעט.

---

## א. נ. שטענצל

### ארץ־ישראל ערד

באַלאַדע

1

צי ווייל דער טאַטע פאַר דער פטירה געבעטן,
נאָך זיין טויט נישט פאַרגיסן זי זאָל קיין טרערן,
זיינע תכריכים נישט פאַרפלעקן זאָלן ווערן,
ווען צום משפט אויף יענער וועלט ער וועט טרעטן.

צי ווייל טויט־פאַרשטיינערט איר האַרץ איז געווען,
שטום ווי אַ מומיע איבערן מת געשטאַנען, —
איז זי דען אויף זינדיקער ערד נאָך פאַראַנען? —
נאָר ווען מען האָט טאַטנס צוואה געלעזן:

„די ארץ־ישראל־ערד אין קופערט באַהאַלטן,
קערנדל ביי קערנדל ריכטיק אָפּציילן
און פאַר מיר און זוגתי תחי׳ פאַרטיילן — — —“
האָט זי די טרערן נישט געקענט מער איינהאַלטן.

נישט געהערט האָט זי מער די צוואה ליינען;
וואָס טייערס נאָך איר איבערלאָזן קענען?!
און ווען חברה קדישא געקומען זענען,
אין די „תשעה קבין“ פון אירע געוויינען,

האָבן זיי דעם מת טהור געמאַכט די טהרה;
און ווי אין מקוה אַריין וועש, ווי ביים לעבן,
האָט זי זיי די תכריכים פאַר אים געגעבן,
אויפגעניית מיט פינגער אירע, דאַרע קוואַרע.



קיין הויך איז אויף זיי נישט געווען, קיין פלעקעלע,
ווי בלאַנק און ווי קלאָר פאַר גאָט אין זיי צו טרעטן — —
אַ, די זעלבע תפילות ביים נייען געבעטן,
ווי ביים אויפנייען פאַר אים ס׳תפילין־זעקעלע.

פון אַטלעס און פון סאַמעט איז עס געווען,
מיט מגן־דוד און מיט מאַרע־זייד בלומען — — —
אירע ליפּן שעפּטשען אות נאָך אות זיין נאָמען —
פון תפילין־זעקל אַראָפּ ז׳וואָלט זיי געלעזן.

עס וואַקסן די אותיות גרעסער און גרעסער,
און אין פריש געפאַלענע טויען די בלומען — — —
אַז סזאָל קיין פלעק אויף די תכריכים נישט קומען,
פאַרקוועטש זי די וויעס אַלץ פעסטער און בעסער.

2

פונקט ווי „דאָס בינטל מיט מור צווישן די בריסטן“,
האָט זי דאָס טאָרבעלע אויף איר האַרץ געטראָגן;
די לעצטע רגע׳ס ווען פלוצלינג זיי קומען אָן,
ווער קאָן דען וויסן און ווער דאָס פאָראויסזאָגן?

איז ווען זיי וועלן אָנקומען און ווו און ווי,
אַ גרייט־וואַרטנדיגע זיי וועלן זי טרעפן!
דער טויט, אַ טיר נאָר צווישן דער וועלט און יענער —
מיט יעדן האַרץ קלאַפּן קאָן זי זיך טון אַן עפן!

און דעמאָלט אַ הימלישער איר אַנטקעגן גיין,
אויף זיין פּיסנבענקעלע ער וועט זי זעצן,
מיט אַלע אירע טרערן, איינגעהאַלטענע,
איר שטערן־טיכל מיט דימענטן באַזעצן.

די קערנדלעך־ערד אין טאָרבעלע אויף איר האַרץ —
איידל־שטיינער זייער ווערט נישט צו באַצאָלן — — —
זיינען דאָס שוין די גלגול־מחילות־וועגן,
וואָס פאַר די אויגן תמיד פלעגן זיך מאָלן?

ווי זיי קייקלען זיך דאָס אַלע און וואַלגערן,
דורך אונטערערדישע דורך פינסטערע היילן — — —
אויף דעם האָט ער זיך דאָך מיט דער הייליקער ערד,
חלק אויף חלק מיט איר זיך געטון טיילן!

און ווען די שווערסטע טעג זיינען אנגעקומען,
יעדער זון־אויפגיי — פון אַ פרישן געקעפטן!
האָט זי געטראָגן שטאָלץ איר גרוי־באַיאָרטן קאָפּ,
אַ פולן קרוג, פון אַ קוואַל, אַ פריש געשעפטן.

אַלצדינג וואָס אין שטוב געווען שוין צוגענומען,
אַ סך יינגערע פון איר צום טויט געטריבן!
זי ווייסט, זי וועט צו קבורת־ישראל קומען:
דער „פה־נטמן“ אויף איר הארץ איז אנגעשריבן — — —

עס איז מיין מאמע צו קבורה נאָך געקומען!
און ווי אַ כלה אַ באַשיטע מיט האָפּנס,
פונם טאָרבעלע וואָס אויף איר האַרץ געפונען,
מיט ארץ־ישראל־ערד באַשיט איר צוקאָפּנס.

3

מ׳האָט דעם קאָפּ צו דער ערד צוערשט געמוזט נייגן,
די שוועל פונם אוהל אריבער צו טרעטן,
הויך אויף שפּיץ־באַרג ווו דער זיידע איז געלעגן;
איבערן גלאַטן שטיין די געצונדענע ליכט,
האָבן געטריפן מיט טרערנדיקע געבעטן.

אונטער אַ בוים, מיט ווילדע קברת־עפּעלעך,
איז מיין עלטער זיידנס מצבה געשטאַנען,
און ווען כ׳האָב געליינט די „פה־נטמן“ אותיות:
„הגאון והקדוש, האיש־אלוקים“,
האָב איך די צוואה פון זיידן פאַרשטאַנען.

אָבער אַז קיין אוהל מען זאָל אים נישט שטעלן
האָט ער דאָך אין זיין צוואה נישט געשריבן!
האָט מען אַרום דעם גלאַטן שטיין אין זיין אוהל,
אין די קוויטלעך די עפּעלעך איינגעוויקלט,
פון עלטער זיידנס קבר אַראָפּגעקליבן.

זיכער ערגעץ־ווו דאָרטן, אַרום דעם אוהל,
וועלן זיין די קברים פון מיין טאַטע־מאַמען!
איך ווייס נאָך גענוי, ווו מיר פלעגן אַרויפגיין — — —
מען קאָן דאָך נישט אַ שפּיץ־באַרג און אַן עפּעלבוים
אַרויסרייסן מיט די מצבות צוזאַמען!

אָבער ווער קאָן וויסן וואָס שנאה קאָן אַלץ נישט,
אפשר איז דער שפּיץ באַרג מיט אַרויסגעריסן!



און וואָס שוין, אַז אַ שפּיץ־באַרג, אַז ווילדע צווייגן?
איך וועל מיך דאָך אויף דעם ליידיקן פעלד בלאַנקען,
א משוגענער פון ווילדע הינט געביסן —

קאָן זיין, נישט עניוות דעם זיידנס צוואה,
דעם „פה־נטמן“ אויף זיין שטיין נישט אויסצוקריצן!
פון אונטער פערדישן גאַלאָפּ דערזען ער האָט,
דעם „הגאון הקדוש, איש אלוקים“ —
אתיות־געקרישל אין פונקן צעשפּריצן — — — — — — — — — —

„ואני“ און מיין טאַטע האָט אַזוי געטון:
אין דער ערד פון מערת־המכפלה היילן,
געבערענגט האָט ער מיין מאַמען צו קבורה מיט זיך,
קערנדל ביי קערנדל די ערד אָפּגעציילט,
און אין צוויי חלקים געטון עס צעטיילן — —

„אויפן וועג שטייט אַ בוים, שטייט ער איינגעבויגן — —“
אָ, איך וועל דערקענען זיינע ווילדע צווייגן!
און ווען פאַר מאַמע רחלס קבר כ׳וועל טרעטן,
וועל איך ווי אַמאָל אין זיידנס אוהל, אַ קינד,
פאַר טאַטע־מאַמע קבר שטיל מיך פאַרנייגן.

4

און דאָס איז דאָס קוויטל אויף קבר צו לייגן,
ווען פאַר מאַמע רחל׳ס שטיין כ׳וועל שטיין און שווייגן;
ס׳קברת־עפּעלע — מיין האַרץ איינגעוויקלען דרינען!
אַ קוואַל פון שטיין — וועלן טרערן מיינע רינען:

האָט מען צוערשט געמוזט מיין שוועסטער פאַרברענען,
אַז אין נגב איר מאַן מיט ביקס שטיין זאָל קענען?
אַז ער זאָל איצט דאָרט די האַרטע ערד צעגראָבן?
אָ, ווי די מאַמע רחל, זי ליב צו האָבן — —

פאַר איר פרי־פאַרשניטענעם, פאַר איר יונגג־לעבן,
צו קבורה נישט געבערענגטן, זיינס אוועקגעבן!
ווען ער האָט ביים צינגל פון דער ביקס געצויגן,
איז מיין שוועסטער געשטאַנען אים פאַר די אויגן.

אָ, די טריישאַפט פון מיין מאַמען און מיין טאַטן!
און מיט יעדן גראָב אין דער ערד מיטן שפּאַטן,
הייליקע ערד גראָבט ער אויס פאַר איר צעקאָפּן —
געזאַלצענער פון טרערן זיינען שווייס־טראָפּן!

אָ, גאָט, איז עס לייכטער דען, איז עס דען גרינגער,
אַ גרוב זיך אויסצוגראָבן מיט הוילע פינגער,
ביי לעבעדיקן לייב צו ווערן באַגראָבן,
איידער אויפגעריסענע אַקערס צו האָבן?

איז נישט נאָר די קערנדלעך ערד אָפּצוציילן!
די ווונד פון זיין האַרץ קיינמאָל נישט צו פאַרהיילן,
און שפּירן יעדע רגע שאַרפסטע ווייטיקן,
ביז פון זאַלץ פון זיין שווייס ברויט־פעלדער צייטיקן — — — — — —

איז וווּ מיין געטריישאַפט און וווּ איז מיין ליבע?
מיינע ירושלים לידער, אַכיבע?
שעפּשענדיקע פּסוקים, פון טאַטנס „שער־ציון“,
פון מאַמעס תחינות, טויטע זאָלן זיך מיען —

אָ, אויב לעצט קרישקעלע אויף שטויב שוין צעריבן,
קיין איין פינטעלע אין האַרץ נישט מער געבליבן,
עס איינוויקלען כאַטש אין אַ קוויטל־געפּינטל,
איידער נאָך ס׳פליט אַוועק פונם מינדסטן ווינטל.

5

אַז פאַר מאַמע רחלס קבר שטייען שומרים,
פון פרעמדע באַוואַכט די מערת־המכפלה,
און פאַר דער כותל מערבי אין ייד נישט,
צומאָל נדבות קלייבן אין אַ פּאַטשיילע —

ווי וועלן אויסגלעטן זייער ווילדן ציטער,
מיינע געצערטלט שלאַנקע שלאַבריקע פינגער,
אַ וויינינדיקס צו באַגלייטן, שטיל און שטילער,
אַז דאָס געשלאַכץ אינעם האַרץ ווערן זאָל גרינגער?

פאַר בלינדע אַ וואַנט אַהיים זיך צו דערטאַפּן,
איז די כותל מערבי פאַר אונז געווען;
מיט אויפגעהויבענע, מיט פאַרגלייזטע אויגן,
ווי פון בלינדן־שריפט, פון יעדן שטיין געלעזן.

ווי אַ בלינדער פּונקט ווער איך פון וועמען געפירט!
אָ, אין מיין טאַטנס הענט שפּיר איך מיינע פינגער,
עס פלאַטערט איבער מיין קאָפּ מיין מאַמעס געבעט —
איך בין אַ גאָט־פאַרשאָלטענער יידיש־זינגער — — —

נישט קיין „אלי־ציונס“ זיינען מיינע לידער —
צוזאַם מיט מיר זיי וועלן ווערן צעטרעטן! —



מאַטער ווידער־קול פון מיין טאַטנס תפילות
און פון מיין מאַמעס „מענה־לשון“־געבעטן — — —

איך ווייס יעדעס קערנדל ערד הייליק איצט דאָרט,
אַ הייליקע כותל, — יעדע פרישע מויער!
און אַ ציגל־טרעגערס־ליד, אין שווייס געטובלט,
גייט פאַר גאָט, ווי דער ריינסטער ניגון פון זוהר.

מיט די שפּאַדלעס אין די קבוצות די חלוצים
צום סוד פון לעבן זיי וועלן זיך דערגראָבן!
מיט מיינע ליפּן כאַטש קושן דעם שטויב פון ד׳ערד,
אין מיינע כף־הקלע׳ס אַ תיקון צו האָבן — — — — — —

מיין האַרץ־טאַרבעלע געלעכערט און צעריסן,
קיין איין קערנדל און מיט קיינעם צו טיילן,
און מיינע טעג, ציטערדיקע געצערטלטע,
אויף מיינע פינגער שוין שלאַבריק אָפּצוציילן.

---

## לעאָ קעניג

## דריי אַפּאָלאָגיאַס

### 3. אַפּאָלאָגיאַ כלפּי פּנים

סתם אַפּאָלאָגיאַ איז כלפּי חוץ: סרוב פאַרטיידיקן און פאַרענטפערן זיך מענטשן קעגן פרעמדע און האַלב פרעמדע. אָבער איז אויך ניט פאַראַן אַ אַפּאָלאָגיאַ כלפּי פּנים? זיינען ניט פאַראַן ציטן און באַדינגונגען אינם לעבן פון יעדן־יחיד און יעדן פאָלק ווען זיי זוכן אַפּאָלאָגיאַס פאַר זיך אַליין — ווען זיי האָבן די באַדערפעניש פאַר זיך אַליין אין די אייגענע אויגן שענער און בעסער אויסזען, ווי זיי זיינען אפשר אין דער אמתן? און איז אַזאַ אַפּאָלאָגיאַ, ווען אפילו חוץ, ווייניקער שעדלעך און פאַרפירעריש אין סך הכל ׳....

יחידים ווי פעלקער דאַרפן גלויבן אין זיך, אין זייערע ווערטן און כוחות. מען קען ניט לעבן, פאַרטזעצן זיך אָן דעם גלויבן אין זיך, אָן דעם ״שעפערישן שווונג״.

אין מער־ווייניקער נאָרמאַלע ציטן איז דאָס גלויבן אין זיך, זײַן די אייגענע כוחות זעלבסטפאַרשטענדלעך: געזונטע יחידים און פעלקער האַלטן זיך ניט אין איין פרעגן צו זיי זיינען געזונט, גרויס און שיין. זיי פרעגן זיך ניט צו זייערע לעבנס זיינען בארעכטיקט. זיי לעבן און אַנטוויקלען זיך. פאַרקערט: ווען פעלקער און יחידים זיינען געזונט און גלויבן, אַזוי צו זאָגן, אינסטינקטיוו אין זייערע כוחות, אין זייער וויטאַליטעט, דערלויבן זיי זיך צו זיין זעלבסט־קריטיש, עוואָלוציאַניסטיש, רעפאָרמיסטיש און אפילו רעוואָלוציאָנער....

די שפּעריסטע און וויטאַלסטע עפּאָכן ביי אַלע פעלקער זיינען געווען די ווען זיי האָבן געוואַגט זיך קריטיקירן, לאַכן פון זיך, מוסרן זיך... ווען זיי זיינען ניט געצוווּנגען געווען צו זיין אַפּאָלאָגעטיש ניט כלפי חוץ און כלפי פנים. און שוין פשוט דערפאַר, ווייל דאָס גלויבן אין די אייגענע כוחות איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, איז קיין „פּראָבלעמע“ ניט געווען.

בכלל גענומען זיינען אונדזערע נביאים ניט געווען קיין אַפּאָלאָגעטיקער. און אַלע גרויסע קלאַסישע און מאָדערנע קולטור־עפּאָכן צייכנען זיך אויס מיט זייער מינימום אַפּאָלאָגיאַ און מאַקסימום אָביעקטיווער זעלבסט־קריטיק.

אינדיווידועלע, צי נאַציאָנאַלער „נאַרציסיזם“ הויבט זיך אָן אַרויסוויזן, ווען דאָס גלויבן אין זיך הויבט אָן שוואַכער ווערן.

אַ געזונטער יחיד שטייט ניט ביים שפּיגל און קוויקט זיך מיט זיין שיינקייט און געזונט. און דאָס אייגענע מיט פעלקער. זיי קענען זיין אַגרעסיוו אין זייער יוגנט צוליב דעם איבערפלוס פון גייסטיקע און פיזישע כוחות; אָט דער סטיכישער איבערפלוס קען זיך אויסדריקן אין אַ דראַנג צו לערנען און וויזן דער וועלט, אָבער ס׳האָט גאָר ניט צוטון מיט סיי וועלכער אַפּאָלאָגיאַ — ניט כלפי חוץ און ניט כלפי פנים....

נאָר ווען אַ יחיד אָדער אַ כלל הערט אויף גלויבן אין די אייגענע כוחות הויבט ער אָן טראַכטן און באַרימען זיך מיט זיינע גרויסע מעלות. זיי הויבן אָן צו זוכן אין זיך, אַזוי צו זאָגן, „מאָראַלישע שטיצעס“. זיי הויבן אָן לעבן מיטן „חסד נעורים“. ווען קינסטלער און דיכטער הערן אויף צו אַנטוויקלען זיך און ווייטער שאַפן הויבן זיי זיך אָן באַרימען מיט זייערע אַמאָליקע שאַפונגען און פאַרדינסטן. ביי אַלע פעלקער זיינען מיסיעס געבוירן געוואָרן ממעקים, מן המיצר....

אין שלעכטע און ביטערע צייטן, ווען מען פילט אַז די כוחות גייען אויס, וויל מען ניט הערן פון אייגענע קראַנקהייטן און חסרונות, נאָר דווקא פון אייגענע מעלות — אמתע און אילוזאָרישע... מען זוכט אין זיי טרייסט און כוח איבערצוקומען די שלעכטע צייטן, ווי עס איז דורכצושלעפּן די ביטערע צייטן. און מען מונטערט זיך אָפּט מיט חלשות טראָפּן... מען זוכט און מען געפינט זכות אבות און מען לעבט מיטן אַמאָל.

און ווען מען איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, קען דאָך זיין אַ הילף ווען מען רעדט זיך איין אַז מען איז אַרומגערינגלט מיט שונאים ווייל מיר זיינען בעסער ווי אַלע, אַז אַלע זיינען רשעים און מיר די איינציקע גערעכטע... שה ישראל צווישן בייזע וועלף.

און צוזאַמען מיט דער אַפּאָלאָגיאַ כלפי חוץ קומט אויף אַפּאָלאָגיאַ כלפי פנים, הגם זיי קומען, דאַכט זיך, צו געגענזייטיקע אויספירן: מען וואַשט זיך און פאַרענטפערט זיך פאַר די דרויסנדיקע פעלקער, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען בעסער און שענער פון אונדז — אונדזערע שופטים, און די אַפּאָלאָגיאַ כלפי פנים זאָגט אונטער און טרייסט „מיר זיינען בעסער און לייטישער פון



אַלע אַנדערע פעלקער... מיר זיינען די שופטים“....

אַפּאָלאָגיאַ כלפי פנים איז ס׳רוב אין די אייגענע שפּראַכן, אונטער פיר אויגן, אַזוי צו זאָגן; פּונקט ווי אַפּאָלאָגיאַ כלפי חוץ איז אין פרעמדע שפּראַכן, פאַר פרעמדע און האַלב פרעמדע....

אָבער ביידע מינים אַפּאָלאָגעטיקעס שטאַמען פון איין מקור: פון ניט גלויבן אין זיך, פון צרות אָרעם און אָרעם....

* * *

מיר ווילן און קענען איצט ניט הערן פון קריטיק און זעלבסט קריטיק: ס׳איז נאַטירלעך, ווייל מיר דאַרפן האָבן איבערמענטשלעכע כוחות איבערצוקומען דעם שרעקלעכסטן חורבן אין אונדזער געשיכטע און מיר מוזן געפינען אַ גלויבן אין אייגענע ווערטן. אַפּאָלאָגיאַ מבית ובחוץ — קען מען זאָגן איז די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון אונדזער ליטעראַטור פון זינט דער ערשטער וועלט מלחמה.

צוליב דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, האָבן אַסך פון אונדזערע יידישע שרייבער, וועלנדיק צוקומען צו אונדזער יוגנט, אָנגעהויבן אַלץ מער און מער שרייבן ווי די פרעמד־שפּראַכיקע יידישע שרייבער, צו וועלכע מיר אַליין פלעגן זיך אַזוי קריטיש באַציען פאַר זייער ניט קינסטלערישער און ניט וויסנשאַפטלעכער אַפּאָלאָגעטיק...

און צוליב די לעצטע נאַציאָנאַלע חורבנות און קאַטאַסטראָפעס איז געוואָרן נאַטירלעך און אומפאַרמיידלעך מיר זאָלן ווערן אַפּאָלאָגעטיקער אויך כלפי פנים: ס׳איז געוואָרן אונדערטרעגלעך צוקוקן דער יידישער ווירקליכקייט אין פּנים אַריין... מיר האָבן זיך געגוויטיקט אין אַ נאַציאָנאַלן און היסטאָרישן „צדוק הדין“. און אומבאַמערקט פון אונדז האָבן מיר זיך צוריקגעקערט צו דעם „מיסיאָניזם“ פון דער אַסימילאַטאָרישער השכלה, וועלכע האָט אַדאַפּטירט אַ מיסיע ווייל זי האָט ניט געגלויבט אָדער זיך אָפּגעזאָגט פון אַ יידיש פאָלק אָן פאָלקישע טריבוטן און פאָרמען....

די נאַציאָנאַלע, פאָלקישע השכלה וועלכע האָט געשאַפן, קען מען זאָגן, אונדזערע ביידע מאָדערנע יונגע ליטעראַטורן, האָט זיך געפינען באַנקראָט. אונדזער סעקולערע פאָלקישע אינטעליגענץ — זייער גרעסטער רוב — האָט אָנגעהויבן תשובה טון, אַנטוישטע פון דער יידישער ווירקליכקייט און פון דער ווירקלעכקייט, בכלל....

אָט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך פאַר דעם גרויסן חורבן; ער האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע און מיט דעם קנאַפּן פּראָגרעס און מיט די מאָגערע אויסזיכטן וואָס דער ציוניזם האָט געוויזן.

עס מעג אויסזען פּאַראַדאָקסאַל דער הצד השוה נאָר איך גלויב דאָך אַז ס׳איז אמת צו זאָגן אַז אחד העם און פּרץ זיינען געווען די אָנזאָגער, די ערשטע וואָס האָבן דערפילט דעם קריזיס אין אונדזער וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם: ביידע האָבן ניט געגלויבט אַז מיר קענען ווערן „אַ פאָלק צו

פעלקער גלייך"... און איינער האט זיך געפּרוווט ראטעווען אין א מרכז רוחני, אין אַ אַבסטראקטן „רוח היהדות"; און דער אנדערער אין אַ ניט וויניקער ראמאנטיש־אוטאפּישער שבת־יום־טוב׳דיקער יידישקייט.

מיר מעגן אט די צוויי אידעאלאגיעס — אחד העמיזם און פּרציזם — אנרופן ראמאנטישער אידעאליזם צי אנדערע שיינע נעמען, אבער ביידע זיינען זיי אפּאלאגיאס כלפי פנים... מיר מוזן געפינען אַ העכערן זין אין אונזער געשיכטע, מיר מוזן געפינען מיט אלע כוחות ווערטן אין אונזער לעבן... מיר מוזן זען נאר אונזערע שיינקייטן, מיר מוזן זען א נאציאנאלע אצילות. ווי אנדערש קענען מיר ווי אַ פאלק איבערלעבן דעם לאנגן אונענדלעכן מארטירער־וועג, וועלכער ווערט אלץ געפערליכער, דארניקער און פאטאלער?

אויך די אינטעליגענץ ביי די עומות העולם איז איצט פארכאַפּט אין אַ פּראצעס פון תשובה פון צוריקקערן זיך צום גלויבן פון זייערע אבות און צו דעם „אייגענעם וועג פון לעבן" צו וועלכע זיי זיינען ביז די לעצטע קאטאס־טראפאלע וועלט מלחמות געווען אזוי קריטיש, אבער ביי זיי איז דאס גיכער אַ מין „עסקעיפּיזם" ווי אַ אפּאלאגיא כלפי פנים...

ביי אונדז איז דאס ביידע, אבער דער הויפּט מאטיוו איז ביי אונדז אפּאלאגיא כלפי פנים, פון יעדן יידישן בוך וואס דערשיינט ביי אונדז אין די לעצטע יאָרן, שרייט ארויס, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן, אַ באהאל־טענער אויסגעשריי:

רבונו של עולם, מיר מוזן דאך זיין בעסער, הייליקער פון אלע אנדערע פעלקער... אויב ניט אַ מארטירער־פאלק — טא וואס פארא פאָלק קען עס זיין?

* * *

אפּאלאגיא תקופות זיינען פאראן ביי אלע פעלקער, אבער ביי א פאלק אין גלות, ביי אַ פאלק וואס לעבט אין פארשפּרייטונג צווישן פרעמדע פעלקער און קולטורן איז אפּאלאגעטיק כמעט א נארמאלע, פּערמאנענטע דערשיינונג: א גלות פאלק מוז זיך שטענדיק פארטיידיקן פון דרויסנדיקע פיינט און קרי־טיקער, און מוז פאר זיך אליין זוכן און געפינען די בארעכטיקונג און דעם זין פונם גלות.

אַ גלות פאלק מוז זיין אפּאלאגעטיש אויף ביידע פראנטן: כלפי חוץ און כלפי פנים פאר פרעמדע און האלב פרעמדע און פאר זיך אליין.

ס׳האָט אנדערש ניט געקענט זיין געשיכטלעך; און ס׳איז געווען אונפאר־מיידליך אט די צוויי אפּאלאגעטישע שטראָפן זאלן ווערן נאך פיל שטארקער און אינטענסיווער נאכן לעצטן חורבן.

דער קומענדיקער היסטאריקער פון אונדזער ליטעראטור וועט קענען ווי געהעריק אפּשאצן די שעפערישע ווערט און די טראגישע אונפארמיידליכקייט פון דער איצטיקער תקופה אין אונדזער ליטעראטור — די תקופה פון חורבן.

די פראגע וואס איך וואג איצט צו שטעלן איז: צי אפּאלאגיא כלפי פנים, וועלכע איז אפשר בארעכטיגטער, ווירדיקער און נויטיקער ווי די אפּאלאגיא כלפי חוץ איז אין גרויסן סך הכל אסך קאנסטרוקטיווער ווי די אנדערע?



אפּאלאגיא כלפי חוץ איז קנעכטיש, שטאמט פון א שפלות קאמפּלעקס; אפּאלאגיא כלפי פנים פירט צום קאמפּלעקס פון התרוממות, נאציאלאנע אויס־דערוויילטקייט... אבער די ביידע קאמפּלעקסן זיינען שטארק קרובה׳ש און שטאמען פון איין מקור — גלות.

און די ביידע מינים אפּאלאגיאס פירן אויף פארשידענע וועגן אוועק פון ווירקליכקייט — פון די שעפערישע לעבעדיקע אמתן, וועלכע זיינען דער שטאלץ פון אלע נאציאנאלע ליטעראטורן און פונם מענטשליכן שאפן בכלל.

און נאך אַ לעצטע פראגע:

די דריטע יידישע מלוכה? וועט די יונגע יידישע מלוכה, וועלכע איז געשאפן געווארן אדאנק דעם אויפברויז פון אונדזער רעאליזם אין דעם לעצטן יארהונדערט, און וועלכע איז, קען מען זאגן, די העכסטע, עפּיגאנישע דער־גרייכונג פון דער לעצטער טראגישער רענעסאנס תקופה אינם יידנטום — וועט אָט די יונגע יידישע מלוכה היילן דעם חורבן, צוריקגיבן דעם פאלקישן יידנטום דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט, דעם שעפערישן אביעקטיוויזם, און דעם נאטירליכן גלויבן אין אונדזערע געזונטע, צוריקגעקומענע פאלקס כוחות. ווער קען שוין איצט ענטפערן אויף דער פראגע? מער ווי העלפן בויען, מיט די בעסטע האפנונגען, קענען מיר ניט לעת עתה.

---

## ד״ר יעקב י. מייטלים

# גבורה און חורבן

ב.

זיינען מיר אנומעלט געזעסן עטלעכע יידישע שרייבער אין א הויז פון אַ פריינד און זיך צוגעהערט מיט פארטראכטונג און שפּאַנונג צו איינע פון די הונדערטע גבורה־געשיכטן, וואס עס האָט דערציילט דער אמאליקער פּאַר־טיזאנען־פירער משה גילדענמאן (דיאדיאַ מישאַ). דערציילט ער נאטירלעך, אָן באפּוצונג און גוזמאס און אָן אַ וועלכן ס׳איז העלדישן זשעסט. כמעט אַ משיח לפי תומו, און מיר ווערן אויפגעטרייסלט פון יענעם הערלעכן קאפּיטל יידישע גבורה, וואָס דאס פאלק האט אונדז געשענקט אין דער צייט פון אונדזער גרעסטן חורבן און טיפסטער שיפלות.

ווער זיינען זיי געווען, וואָס האבן אנגעשריבן אזא פראכטפול קאפּיטל אין דער יידישער געשיכטע? פון וואנען זיינען זיי געקומען און פון וואס פאר א מקור האבן זיי געשעפּט דעם כח ארויסצוגיין צו דער מלחמת מצוה און אזוי מוטיק און פארכטלאז פארטיידיקן דעם כבוד פון יידישן פאלק?

ניין, קיין העלדן (נישט אין ראמאנטישן און נישט אין מיליטערישן זין) זיינען זיי נישט געווען. קיינער האט זיי נישט צוגעגרייט צו דער גרויסער נאבעלער מיסיע פון פארטיידיקן דאס פאלק, זיין און זייער אייגן לעבן. נישט

זיינען זיי זיך פארגעקומען גוואלטיק העלדיש און דערוואַרט אויסצייכענונגען און ארדענס פאר זייערע מעשים. זיי זיינען געווען פשוטע קינדער פון פאלק, נישט דערצויגן אויפן שווערד און אויף מלחמה־פירן. אין דער אמתן האבן זיי געהאסט מארד און מלחמה און עס איז זיי, פונקט אזוי ווי אונדז, געווען לגמרי פרעמד דאס אמנות פון עשיון, דער כח פון פויסט. אבער זיי זיינען געווען לעבעדיקע עדות פון דער מורא׳דיקער מארטיראלאגיע פון פאלק, פון זיין דערנידעריקונג און שענדונג, צעשלאגענע, איינזאמע רעשטלעך פון דער גרויסער פארלענדונג און וויסטן חורבן. האבן זיך אין זיי דערוועקט געהיימע אור־כוחות, האבן זיי דערהערט אין זייער ברוסט די שטים פון בלוט, וואָס מאנט און רופט צו פארטיידיקונג און נקמה. האבן זיי קודם כל געפאלגט אַ געזונטן אינסטינקט פון זיך וועלן דערהאלטן, פון בלייבן לעבן, פון ראטעווען וואָס מען קען, אי זיך אלס יחידים און אי אלס א קאלעקטיוו. פאמעלעך איז זיך פון די ערשטע נישט דרייסטע יחידים צעוואקסן א באוועגונג מיט אַן אידעאל פון זעלבסטפארטיידיקונג, האט זיך דערפון צעפלאמט אַ פייער, וואס האט גענומען ווארעמען די הערצער און צעצונדן מיט טויזנט פונקן דעם גלויבן אין לעבן און אין דער צוקונפט.

זיי, די פארטיזאנער און געטא־קעמפער זיינען געווען אמת׳ע קינדער פון פאלק און געצויגן זייער יניקה, זייער אמונה און בטחון פון דעם פעסטן פאלקס־באדן, וואס האט אין זיך געהאט אקומולירט דורות־אלטע ענערגיעס און טיף־פארווארצלטע כוחות, כוחות פון עקשנות און ווידערשטאנד, וואָס זיינען געווארן אויסגעגליט אין דעם פייער פון פיין און לייד פון דער פארגאנגנהייט. זייער גרויסקייט איז אפשר געווען זייער אנאָנימיטעט. פונקט ווי די חשמונאים, די קנאים, ווי א סך שפעטערדיקע קעמפער זיינען זיי די לוחמי הגעטא (די געטא קעמפער) און פארטיזאנער געווען אָן אַ גרויסן יחוס עצמם, נישט פון קיין טאטעס מיט גרויסע נעמען, אבער מיט א הארץ פול פייער און גלויבן, וואָס האבן אין דעם גרויסן פארגיין געשטאַלט זייער רצון צו קיום און באַנייאונג.

עס האט אין זיי געלעבט דער היסטארישער מורד, וואָס ווידערשפעניקט, וואס וואַגט, פירט מלחמה און איז מנצח. (האט אונדז שוין די תנכ׳שע טראַדיציע פארגעשטעלט אונדזער עלטער־עלטער זיידן יעקב, אלס דעם, וואָס קעמפט מיט גאט און מענטשן און האט בייגעקומען). זיי האבן נישט געקענט אין אלץ מקבל זיין דעם באהבה, אויסשטרעקן די העלדזער צו דער שחיטה און מקבל זיין דעם ביטערן גזר־דין (אויב אַז דין איז נגזר געווארן, מוז מען אים מבטל מאכן!) זיי האבן דערזען, אַז עס איז „כלו כל הקיצין", אז אלץ עקט זיך שוין, אַז מען ווערט דערטרונקען אין אייגענעם בלוט, זיינען זיי אויפגעשטאנען ווי איין מענטש, גלייך צום תנכ׳שן העלד, און זיך געשטעלט צום קאמף. זיי האבן זיך פאר גארנישט געשראקן, אלץ געוואַגט, קיין זאך איז פאר זיי נישט געווען צו שווער. עס איז געווען אַ ביטערער קאמף פון אומגלייכע כוחות, פון א דריבנע הייפל אנטקעגן א גרויסער מחנה,



פון קליינע יחידים־גרופעס אקעגן דיסציפלינירטע, גוט־באוואָפנטע ארמייען. אבער וואס האט דאס אויסגעמאכט? האבן זיי מורא געהאט פארן טויט? וויפל מאל האבן זיי דאס נישט אים געזען פאר זייערע אייגענע אויגן? צי בשעת מ׳האָט זייערע נאנטע, די פרויען אדער מענער, די שוועסטערן, די קינדער אדער די עלטערן גערצחנט, צי זיי אליין זיינען געשטאנען פנים אל פנים מיטן טויט און נצול געוואָרן. וואָס האט שוין זיי געקענט אָפּשרעקן?

נאר זיי, וואָס האבן געקעמפט מיט פארביטערונג ווי די לייבן אָן א פונק פון מורא און חרטה, האבן געקענט נעמען א ביטערע נקמה אין זייערע שונאים. עס איז געווען א בלוטיקע נקמה, וואָס אָט די פרייע, אין די וועלדער לעבעדיקע מורדים האבן גענומען. זייער נקמה (ביי די דייטשן איז זי געווען באקאנט אלס דער „יידישער טויט"), הערן מיר פון די באריכטן, האט געמאכט אויפציטערן די ברוטאלע הערצער פון די כל־המיני תלינים. עס איז ליידער געווען דאס איינציקע לשון, וואָס זיי האבן פארשטאנען. דער פארשוועכער און רוצח האט דא אנגעטראפן אויף א שטאלענעם נקמה־ווילן. גארנ־שט האט אים שוין געקענט ראטעווען פון דער האנד פון די נקמה־נעמער.

נקמה, עס איז אַ מאוס ווארט און קלינגט אפשר גאר מאדנע און שעמעוודיק אויף די ליפן פון א ייד, וואס איז זיך נישט מודה אין דער מידה פון נקמה. מיר קענען איצט נישט פסקענען צי אט די נקמה־אַקטן זיינען געווען מאראליש צי נישט. זיינען ביי אונדז יידן פארהאן אזעלכע עסטעטישע מאראַליסטן, וואָס האלטן, אַז נקמה ווי זי זאל נישט אויסזען איז אסור. אודאי פון שטאנדפונקט פון הויכער ריינער רעליגיאזיטעט זיינען זיי באשטימט גערעכט. איז דאך אונדז אריין אין פלייש און בלוט דער תנ"כישער „לא תקום!" דו זאלסט דיך נישט נוקם זיין. דער מענטש אלס אזעלכער טאר דאס אודאי נישט. דאס מוז זיין און בלייבן אַ געטלעכער אקט. הייסט עס דאך בפירוש אין דער תורה, אז ער, גאָט „וועט נקמה נעמען פאר דעם בלוט פון זיינע קנעכט", („כי דם עבדיו יקום"). אין אונדזער פארצווייפלטער אנמעכטיקייט האבן מיר טאקע אין מיטלעלטער כסדר באטאנט ביי אונדזערע קדושים דעם „הי"ד" (השם ינקום דמם), אז גאט וועט נקמה נעמען פאר דעם אומשולדיק פארגאסענעם בלוט. נישט מיר מענטשן, נאר גאט, וואס איז דער שופט פון דער וועלט, וועט באשטראפן די שולדיקע און זינדיקע. געטלעכע נקמה איז דער געשיכטלעכער אויסגלייך צווישן די כוחות פון שלעכטס און גוטס. און דער אויסגלייך מוז קומען און וועט קומען, הגם מיר קענן אים לע"ע נישט באַנעמען און נישט פארויסזען. אזוי האבן מיר טאקע געגלויבט און הגם פאַסיוו כלפי חוץ, אבער מיט גבורה אין הארץ מקבל געווען אלע גזירות און פארטיליקונגען.

אָבער אויך די כוחות צו דערטראָגן לייד האבן אַ ברעג. די פסיכישע פעיקייט צו ליידן, בעיקר פון דעם מאדערנעם מענטש, ווילט זיך דוכטן, איז באגרעניצט. (בכל האופן, דאס איז אן אינטערעסאנטער פסיכאלאגישער פענאמען, וואָס איז נאך נישט געווארן גענוג אויסגעפארשט.) ווי לאנג קען ער

שטילערהייט און הכנעה׳דיק ווארטן? זיך אונטערגעבן און לאזן קוילן? קען זיך דער היינטוועלטיקער, דער פּאַליטיש־געשולטער מענטש, וואָס קעמפט פאַר זיינע מענטשלעכע רעכט דאָ, אויף דער וועלט, זיך דערמיט טרייסטן, אַז ער וועט שוין זיין שכר פאַר זיינע יסורים אַמאָל באַקומען אויף יענער וועלט, אויף אַ וועלט, וואָס איז אינגאַנצן גוט, ווען ער, דער באַשטימטער אינדיווידיאום וועט שוין נישט מער זיין?

איז טאַקע דאָ פאַר אונדז די פראַגע גיכער אַן אוטיליטאַרע ווי אַן עטיש־רעליגיעזע מיר מוזן זען די נקמה פון אונדזערע געטאָ־און פּאַרטיזאַן קעמפער אין איר ריכטיקער פּערספּעקטיוו. זי איז קודם כל געווען אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע, וואָלט איך געזאָגט, פונקציע. איר אויפגאַבע — אַ רעגולירנדיקע; אַ ביטערע, בלוטיקע שטראָף פון אַ קאָלעקטיוו און נישט פון קיין יחיד. אונטער די האַרטע, רעאַלע פאַרהעלטענישן פון דער צייט האָט מען זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דער ווייטער גערעכטיקייט, וואָס וועט קומען צום סוף פון דער צייט. מען האָט נישט געוואָלט פאַרצווייפלען און זען כאָטש אַ ביסעל גערעכטיקייט פאַר די אייגענע אויגן. עס איז דאָך מענטשלעך און פאַרשטענדלעך. נישט נאָר האָט די נקמה געשטילט די צעברענטע ליידנשאַפט און דעם טיפן צער פון די געליטענע, נאָר זי האָט געהאַט מלכתחלה אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און דערציערישע אויפגאַבע. זי האָט אָפּט גיך אָפּגעשטעלט די הפקרות פון די צעווילדעוועטע פּויערים פון דער סביבה, ווו יידן פלעגן זיך בסוד אויסבאַהאַלטן, געשיצט יידישע לעבנס אין אָפּגעהיט פון גרעסערע קרבנות און ווייטערדיקער פאַרניכטונג. נישט איינמאָל האָבן אוקראַינישע אָדער ווייסרוסישע פּויערים זיך געהיטן פון פאַרברעכן, ווייסנדיק אַז די שווערע האַנט פון די פּאַרטיזאַנער וועט אויף זיי אַראָפּנידערן און זיך ביטער אין זיי נוקם זיין.

האָט טאַקע העכסטע רעליגיאָזיטעט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון מענטשלעכער נקמה, האָבן מיר פונדעסטוועגן גענוג ראיות פון ביטערער און בלוטיקער נקמה סיי אין תנך און סיי אין די באַריכטן פון די שפּעטערדיקע קאַמפן פאַר באַפרייונג. דאָס פאָלק איז דעמאָלט נאָך געווען יונג, מער ערד־פאַרבונדן אין נאַטור־פאַרוואַקסן. האָט עס געהאַנדלט נאַטירלעך, אימפּולסיוו. זיינען אויפגעשטאַנען באַפרייער, וואָס האָבן געפּרובט צו נעמען דעם גורל אין זייערע אייגענע האַרטע הענט און אַרויס פאַרטיידיקן דאָס לעבן און כבוד פון פאָלק. עס איז געווען „צורך השעה״, אַזוי האָבן די צייט־פאַרהעלטענישן פאַרלאַנגט.

איז דעריבער נישטאָ קיין חלוק צווישן די אַמאָליקע און איצטיקע העלדן. זיי זיינען אויסגעקנאָטן פון דעמזעלביקן ליים, עס איז דערזעלביקער גייסט, די זעלביקע אַנטשלאָסנקייט און מוט, דער גלויבן אין מענטשלעכקייט און דעם ענדגילטיקן נצחון פון יושר. וואָס האָט זיי אַריינגעשטופּט די שווערד אין דער האַנט אַריין און געהייסן קעמפן. זאָל מען דעריבער אין מדינת ישראל נישט פאַרגעסן אין די גבורים פון די געטאָס און וועלדער, בשעת מ׳איז שטאָלץ



און מען פייערט דעם אייגענעם באַפרייונג־נצחון. עס איז געווען איין לאַנגער בשותּפותדיקער קאַמף, וואָס האָט דערפירט צו דער שאַפונג פון דער יידישער מדינה. די גבורה־מעשים זיינען בשותּפותדיקע און אַרויסגעוואַקסן וויינען זיי אויף דעמזעלביקן באָדן פון דער יידישער ווירקלעכקייט. דער אויפשטאַנד אין די געטאָס, דער קאַמף פון די פּאַרטיזאַנען, ווען דאָס ליד פון הירש גליק, „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג״ האָט אומעטום באַגלייט, האָט צעצונדן אין די הערצער פון אונדזער יוגנט און ארץ ישראל די פלאַם פון מרידה און באַפרייאונג. עס איז דאָ המשך אין דעם אייביקן געראַנגל, אין גלות און ישראל. אַ לאַנגע קייט פון גבורה־אַקטן, פון מוט און מסירת נפש ציט זיך פון די אַמאָליקע, ווייטע דורות, איבער די היינטיקע צו די קומענדיקע, פאַרבינדנדיק דעם עבר מיטן היינט און מאָרגן.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די פּאַרטיזאַנען באַהאַנדלט משה קאַגאַנאָוויטש אין זיין וואָגיק בוך *. דאָס בוך, וואָס האָט אַ שלל פון אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַרדינט געלייענט צו ווערן. דעקט עס דאָך אויף שיינע, רומפולע קאַפּיטלען פון קאַמף און גבורה פון אונדזערע אַנאָנימע פרייהייט־קעמפער אין די וועלדער און פּושטשעס, ווו פּאַסיווע קדושה איז איבערגעשמידט געוואָרן אין אַקטיוועך העלדישקייט, פּיין אין נקמה־מעשים. אָט די פּאַקל־טרעגער פון ווידערשטאַנד אין די געטאָס און וועלדער האָבן אין די גאָר לעצטע יאָרן ממשיך געווען דעם מעפּילים — אין באַפרייאונג־קאַמף אויף דעם באָדן פון א״י און טאַקע דערמיט געהאָלפן צו לייגן דעם אבן הפּנה פאַר דער יידישער מלוכה.

אַ שאָד נאָר, וואָס דאָס ווערק, אַן אויסגאַבע פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע ביים פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד פּח״ח אין איטאַליע, איז מער געהאַלטן אין סטיל פון זשורנאַליסטישן רעפּאָרטאַזש און איז נישט תמיד קאָנקרעט־היסטאָריש, גענוי און פאַקטן־פיקסירנדיק, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. בלייבט נאָך אויף דעם געביט אַ סך צו טאָן.

אָבער די פּרקי־גבורה פון אונדזערע פּאַרטיזאַנען און קעמפער זיינען הערלעכע, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק מיט זייער דראַמאַטישן עלאַן און הויכער־עכטער מענטשלעכקייט. מיר מוזן די דאָזיקע טייערע קאַפּיטלען פון קוראַזש און העלדישקייט באַלד פאַרפיקסירן און איבערדערציילן פון מויל צו מויל, כדי מען זאָל דאָס נישט פאַרגעסן. מיר מוזן אויך אַן אמת מקיים זיין דעם „והגדת לבנך״. זאָלן אונדזערע קינדער דאָס לערנען און איבערגעבן זייערע קינדער. זאָלן קומענדיקע דורות וויסן, אַז אין דער צייט פון טיפער שיפלות און גרויסן חורבן זיינען אויפגעשטאַנען זין פון פאָלק, וואָס האָבן באַשיצט זיין כבוד און נקמה גענומען פון שונא. וועלן מיר און די שפּעטערדיקע דערפון נישט נאָר שעפּן באַגייסטערונג און האָפענונג, נאָר אויך אָפּלערנען דעם מוסר

* משה קאַגאַנאָוויטש, דער יידישער אָנטייל אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג פון סאָוועט־רוסלאַנד. רוים, 1948.

השכל תמיד צו זיין גרייט צו קעמפן פאר דעם לעבן און כבוד פו̇ן פאלק, ווו דאס זאל נישט זיין. מיר מוזן זיך אליין און אנדערע לאזן וויסן, אז יידיש לעבן טאר נישט זיין הפקר, אז יידיש בלוט איז נישט ביליק. עס איז דא אן ארגאניזירטער כח פון פאלק, וואס וועט ווי געהעריק רעאגירן און זיך אנטקעגנשטעלן יעדן פלאן פון פארניכטונג פון וואס פאר א זייט ער זאל נישט קומען.

דאָס לאזט אונז הערן די רומפולע געשיכטע פון העראישן קאמף פון היינטיקן דור. דעם דור פון מורדים, דעם דור פון באפרייער. געגאנגן איז ער אויף קדוש השם און קדוש העם מיטן שווערד און תנ״ך, מיט אַ וויי אין הארץ און אַ ביטערער קללה אויף די פארביסענע ליפן. פון דעם מורא׳דיקן חורבן, פון די בערג אַש פון די געטאס איז אויפגעשטאנען אַ פעניקס, וואָס האט זיך מיט באנייטע אדלער־כוחות דערהויבן צו אַ מעכטיקן, ווייטן פלוג. גייט דער וועג איבער אומקום און פארניכטונג צו נייע הויכן פון גבורה און קדושה, פון אמונה און מסירת־נפש פון אונדזער געלייטערטן, אייביק־יונגן פאלק.

(סוף) דעצעמבער, 1949

---

## יוסף הלל לעווי

# רייזע איינדרוקן

(אנטווערפן)

די שטאָדט איז די זעלבע, די גאַסן די זעלבע, די הייזער די זעלבע (טייל־ווייז נאָר פארשטייט זיך באשיידיקט) די בעלגישע מאסן אַפילו אויך כמעט די זעלביקע. עס האט זיך דאָ וויזט אויס נישט פיל פארענדערט....

די שויפענסטער זיינען ווידער פול מיט כל׳ערליי סחורות געפאקט, די קראָמען אויפגעהויפט מיט כל׳ערלאָ פירות און מאכלים. דאָס לעבן גייט ווייטער זיין אייביקן גאנג ; נאָר מיט אַ קליינער אונטערשיד — דאָרטן ווו ס׳האָבן אַמאָל די יידן געוווינט, וווינען היינט דאָס רוב די וואָס האָבן די יידן פאר׳מוסר׳ט...

די פלעלמער האָבן אַרויסגעוויזן זייער נאָענטער קרובה׳שאַפט צו די פארשאלטענע דייטשן און זייער פרעמדקייט און שנאה צו די יידן... להיפוך פון די וואללאָנען — וועלכע האָבן דאָס רוב געזען די יידן צו שיצן און פארבאהאלטן פון זייער געמיינזאַמען שונא וועלכן זיי האָבן נישט ווייניקער געהאסט ווי די יידן. אַנטווערפן האט זיך הכלל ווי שוין פריער דערמאָנט, נישט פיל פארענדערט, אַפילו די „ברילאנטן בערזע״ איז שטיין געבליבן אַן אומבאַשיידיקטע, ס׳גייט דאָרט ווייטער אָן דער מקח־ממכר, ווען אויך ווייט נישט מער אזוי אינטענסיוו ווי אַמאָל (מחמת דער גרעסטער טייל יידן — וואָס האָבן זי אַזוי באַוועגט, אינטערעסאנט און פשוט בארימט געמאכט אויף דער גאָרער וועלט פעלן היינט אויס) פונדעסטוועגן לאָזט זיך עס נישט אין ערשטן אויגנ־



בליק פונם גאסט אַזוי גיך באמערקן, נאָר ערשט דעמאָלט ווען מ׳קוקט זיך טיפער איין...

די היימישע שטיבלעך און קלייטלעך, פון וועלכע ס׳האָט אַמאָל די יידישע אָרעמקייט אַזוי רירנדיק אַרויסגעשמייכלט מיטן אייביקן בטחון אויף אַ בעסערן מארגן, — זיינען היינט רענאווירט, אָפגערוימט און גוי׳איש צופרידן...

די יידישע געסלעך ווו ס׳האָבן זיך אַמאָל געשפילט אונדזערע משה׳לעך, שלומה׳לעך, און ס׳האָבן פריידיק אָפגעהילכט זייערע זיסע קול׳כלעך, זיינען היינט חרוב און פארשטומט. און אז דו גייסט דאָרטן פארביי רייסט עס דיר פשוט אַ שטיק הארץ אָפּ. ווי פריינטלעך די פלעמער האבן זיך צו זייערע אלטע שכנים אין דער גרעסטער עת צרה פארהאלטן איז דער בעסטער באַווייז — די ביטערע שחיטה אין אנטווערפן.

דאָס איז אלץ געזאָגט געוואָרן ווען דו באטראכסט אנטווערפן אויסערלעך, — היינט ערשט ווען דו פארטיפסט זיך איבער דעם אינערלעכן חורבן, איז דער ווייטיק אַ טאָפּלטער. מחמת ס׳איז כמעט פארשוואונדן דאָס גאנצע אַמאָליקע יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן מיט אלע פארטייען ביינאנד.

פון דער זער אינטענסיווער גרויסער יידיש־קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אנטווערפן איז כמעט קיין זכר נישט פאַרבליבן. דעם זעלביקן גורל האָט אויך געהאַט דער בונדישער פאריין. געבליבן זיינען נאָר גאנץ מינימאלע גרופעס פון די „פועלי־ציון און די ציוניסטן״.

די יידיש־קולטורעלע טעטיקייט, — איז דערפאר אַ טיף איינגעשרומפּענע און דיסאָרגאניזירטע...

די אַמאָליק לעבנדיקע יידישע צוגאב שול מיט אלע אירע איבערגעגעבענע לערער, בתוכם אויך דער אידעאַליסטישער טרעשטשאנסקי, מיט די טייערע קינדערלעך זענען פארשוואונדן. געבליבן זיינען נאָר קנאַפּע העברעאישע אונטעריכטס־שעה׳ן און אַ תלמוד תורה אין וועלכער מ׳לערנט נאָך חומש איבערגעזעצט אויף יידיש. וויל אין דער דאָזיקער תלמוד תורה קלאַפּט נאך דער פאלקסטימלעכער אמת׳דיק רעליגיעזער דופק, אונטער דער גוטער השפעה פון דעם יונגן איידעלן יראה שמים און גרויסן בן תורה הרב ראטענבערג נ״י (אַ זון פון דעם אלטן רב ראטענבערג זכר צדיק לברכה). אַז דו קומסט דארט אַריין און דו דערזעסט די לאכנדיקע קינדישע פנים׳לעך, די שטראלנדיקע אויגן מיט די שאלנדיקע ליבע שטימעלעך, דערפילסטו כאָטש אַ שטיקל טרייסט. און דו ביסט אויפריכטיק דאנקבאר דעם זייער אינטעליגענטן און פאראנטוואָרטלעכן שול־לייטער וואָס וואַכט דאָרט איבער אלעם, פאַר זיין אינטעליגענץ און גרויסע ליבע צו די קינדער. עס איז אויך ווערט צו באַגריסן, —די היגעניע, זויבערקייט און ריינקייט וואָס הערשט אין דער דאָזיקער תלמוד תורה.

אַ פאַראיינזאַמטער מיט אַ פארקלעמטן געמיט האָב איך זיך אַרומגעשלעפט אין דער אַמאָל אַזוי יידיש־באַלעבטער „לאַנגע־קיוועט גאס״, געפרווט

דאָרט אויפצוזוכן מיינע אלטע גוטע פריינט, נאָר לײדער קיינעם נישט געפונען...

דאָס קליינע אָרימע געשעפטל פון דעם שטילן ליריקער, דערציילער און עסייאיסט בייניש זילבערשטיין ז״ל — אָנגעפירט פון זיין אַמאָליק געטרייער און איבערגעגעבענער פרוי בינע, האָב איך מער נישט געפונען...

דאָרט, אין דעם אייגנאַרטיקן קליינעם געשעפטל איז פארקויפט געוואָרן שרייב־פּאַפּיר, העפטן, טינט, פעדערן און ציגארעטן. דאָס געשעפטל האָט אויך פאַרמאָגט אַ יידישע גוטע ביבליאָטעקל, פון וועלכער דער גייסטיק רייכער בעל הבית בייניש זילבערשטיין האָט ביכלעך אויסגעליען.

אָנגעשלאָסן אָן דעם קלייטל איז אויך געווען נאָך אַן אנגענעם חדרל, אין וועלכן עס איז געזעסן דער צארטער און תמיד בלייכער אַרבייטסזאַמער דיכטער, און אומדערמידלעך געקלאַפּט מיט זיינע מאָגערע פינגער אויף דער ביי אים טייערער שרייב־מאשינקע וועלכע ער פלעגט אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

די ווענט פון דעם קליינעם ליבן חדרל זענען געווען באהאנגן מיט פאַרשידענע צייכנונגען, סקיצן און וויניעטן, פון מאָדערנע יידישע מאָלער וואס פלעגן אָפּט אַרײנקומען צו זייער ליבן פריינט — דעם ערלעכן פּאָעט — בייניש זילבערשטיין.

דאָס קליינע אָרימע חדרל איז אַמאָל פשוט געווען אַן אזיל פאַר די פאַרוואָגלטע יידישע שרייבער און קינסטלער. אין אַ זייטן ווינקל איז געשטאַנען אַן אייזערן אייוועלע און ווען דאָס אייוועלע האָט גענומען גליען, האָט עס צושפּרייט אַ היימלעכע וואַרעמקייט וואָס האָט די פארפרוירענע עמיגראַנטן שרייבער טיף אַדורכגענומען. די ספערע איז דאָרט תמיד געווען אַ געהויבענע, מען האָט דיסקוטירט איבער ליטעראַטור, פּאָליטיק, דעם קלאָגליכן סאָציאַלן מצב, געטרונקן טיי, גערויכערט ציגארעטן און פאַר אַ וויילע זיך אָן יעדן איבל פארגעסן..

אַ סך גורם געווען דערצו האָט די אימער פריינטליכע גאַסט־באַרייטשאַפט פון זיין קליינע חנ׳עוודיקע פרוי, בינע, וועלכע האט זיך אויף אלעמען ווי א געטרייע מאמע אומגעקוקט...

אָבער דעמאָלט האָט נאָך קיין שום מענטש נישט גע׳חלומ׳ט צו וואָס פאַר אַ חיה׳שער אונמענטשלעכקייט דער בן אדם איז אַלץ פעאיק, — אַז אַפילו דער איידלסטער און געטרייסטער, קען אויך פאַרוואַנדלט ווערן אויף אַ גראָב און טרוילאזן אונמענטש...

דאָס אָרימע פּאַפּיר און ציגאַרעטן געשעפטל מיט דעם יידישן ביבליאָטעקל און דאָס ליטעראַרישע נעבן־שטיבל — דער ערי־מקלט פון די יידישע שרייבער און קינסטלער, איז פארשוווּנדן פונקט אַזוי שטיל, ווי דער טראַגיש־אומגעקומענער בייניש זילבערשטיין צוזאַמען מיט זיין זון וואָס איז געווען פונקט אַזוי באַשיידן ווי זיין פאָטער... די יידישע שרייבער און קינסטלער וואָס פלעגן דאָרט אַרײנקומען, צווישן זיי דר. ציפור, היישעריק, און אַנדערע



זיינען אויך געגאַנגען דעם טרויעריקן וועג פון בייניש זילבערשטיינען, וואָס איז פשוט געווען דער גרעסטער בריליאַנט אין אנטווערפּן, וואָס אַפילו די וועלט באַרימטע אנטווערפענער „בריליאנטן־בערזע״ האָט נישט באַזעסן אַזוי פיל געלט אים צו קאָנען באַצאָלן...

איך האב געלעכצט און געזוכט נאָך מיינע אלטע גוטע פריינט, — און צו מיין פאַרוווּנדערונג און גליק האָב איך דאָרט אָנגעטראָפן אויף דעם בן עיר מיין יוגנט־פריינט משה יעקב קליפער, וואָס האט צוזאמען אָנגעהויבן שרייבן מיט מיר און זיך דרוקן: „אין דער אַרבייטער יוגנט״, „יידישן אַרבייטער״, „לעמבערגער טאָגבלאַט״ און אַנדערע צייטונגען און זשורנאַלן ווו עס האָבן זיך אויך געדרקט די גאנצע יונג־גאליציאַנער כאליאסטרע — ש. י. אימבער, מ. ראוויטש, י. מעסטעל, ר. אייזלאנד, דוד קלינגהאפער, א. מ .פוקס, ראובן פאהן, דר. אדעלשלעגער, י. פערענהאף, א. באראש, אורי צבי גרינבערג, י. ה. לעווי, פרידא האלפערן (פסעוודאָנים פון מ. ל. האלפערן) און דער צאַרטער פיל געליטענער פּאָעט דוד ליימאן. (היינט אין ארץ ישראל).

נאָך ביטערע בלוטיקע און פאַרצווייפלטע יאָרן, — וועלכע האָבן דאָס אָרימע מענטשלעכע הארץ פארשטיינערט, זיינען מיר ווידער אויפגעטאיעט געוואָרן און זיך פשוט צוגאָסן ווי אין פרילינג די טייכן...

מיין גוטער יוגנט־פריינט, — וועלכנס נאָבעלע פּאָעטישע האַרץ עס זענען נישט בכח געווען צו פארהארטן אַפילו די גרעסטע גלאנצנדיקסטע און מאנקלאָזעסטע בריליאנטן, האָט מיך מקבל פנים געווען מיט אַזוי פיל איבערגעגעבענער מענטשלעכקייט און ליבע, אַז איך בין פשוט געקומען אין דער גרעסטער פארלעגנהייט נישט וויסנדיק ווי אַזוי איך וועל אים אַמאָל קאָנען אָפּדינען.

מיר האָבן זיך אַדורכגעשמועסט פאַר אַלע צייטן, און איך בין געוואויר געוואָרן אַז ער האָט זיין אמאָליקן יוגנטלעכן אידעאַליזם נאָך נישט אויפגעגעבן, — פארקערט, ער איז זיך ביי אים צעוואַקסן, רייפער געוואָרן, און אָנגענומען אן אנדערע פאָרם און אינהאלט. ער איז געוואָרן פשוט אַן אָרטאָדאָקסער קאָמוניסט אין טיפערן זין פון וואָרט... וואָס גלויבט מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין ערלעכער נשמה און העלקייט פון זיין גייסט, אין דער מפלה פונם קאַפּיטאַליזם וואָס איז גורם די פינסטערע רעאַקציע; און אין דעם מענטשלעכן פראָגרעס וואָס וועט מיט זיך ברענגען דעם אייביקן פרידן, מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט...

אָבער נישט אַזוי ווי ביי אַ סך וואָס זייער פאַרטייאישקייט פאַרשאָטנט דעם מענטש, נאָר להיפוך — ער איז אַזאַ קלאָרער מענטש וואָס מאַכט תמיד זיין אידעאַל גרויס.... מחמת איבער אלעם איז ביי אים דער מענטש. און הגם ער דריקט עס קיינמאָל אין ווערטער נישט אויס, מערקט איר עס פון זיינע מעשים אַרויס וואָס זיין פערזענלעכקייט לאָזט אייך אומבאַוווסט פילן... ווען איר קומט נאָר אין דער נאָענטער באַרירונג פון דעם אַמאָליקן אָרימען בלייכן קראָקעווער ציקערלעך־מאכער ייִנגל — דעם פיינעם צארטן ליריקער משה

יעקב קליפער. אויספירלעכער איבער קליפער׳ן האב איך געשריבן צו זיין 60־יאָריגן יובל.

אַ גאָר באַזונדערן איינדרוק האָט אויף מיר אויך געמאַכט דער אנטווערפּענער מוכר ספרים י. לעווין צו וועלכן דער יידישער דיכטער און קאָמפּאָניט ש. זאנדבערג פון בריסל האָט מיך פּראַטעזשירט.

דאָס איז אַ ייִד אַ פּשוט׳ער, אַ האַרציקער וואָס פאַרמאָגט אַ גרויסע יידישע ביבליאָטעק, מיט פולע פאָליצעס ביכער פון די פארשידנסטע מחברים. ער האָט די ביכער ליב מיט אַלע רמח איברים, ער שפּיגלט זיך פשוט דערין.

אַזאַ יידישן מוכר ספרימניק האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט באַגעגנט. דאָס איז ווי שוין אויבן געזאָגט אַ גאָר פשוטער ייד, אָבער גרויסער עסטעט. איר קאָנט ביי אים געפינען ביכער פון די עלטעסטע ביז צו די יונגסטע שרייבער, און כמעט אַלע זיינען מיט ווידמונגען און צושריפטן פארזען, מיט וועלכע ער שטאלצירט פארבארגן נישט לאזנדיק אייך מערקן און היט זיי אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ. לייוויק, אפּאטאשו, ל. האלפערן, ל. ניידוס, ש. אש, מ. ראָזענפעללד, א. מ. ווייסענבערג, ווינטשעווסקי, פּ. קראַנץ, ש. ניגער, ליעסין, ראקער, א. צייטלין, ה. צייטלין, גלאטשטיין, לייעלעס, א. רייזען, און וועמען נישט? ס׳איז פשוט נישט מעגלעך זיי אַלע אויסצורעכענען.

איז ווען איר קוקט אייך אין דעם יידן גוט איין, רעדט מיט אים, — באַשטראַלט אייך זיין טיפע ליבע צום יידישן בוך, און עפּעס נעמט אייך אויף איינמאָל אויסדוכטן אַז דאָס דאָזיקע יידל אַליין איז אַ מאָדנע יידיש לעבעדיק און אינטערעסאנט בוך, פון וועלכן איר קאָנט לייענען און גאָרנישט מיד ווערן לייענענדיק...

צו דעם זייער אינטערעסאנטן פּרויען טיפּ וואָס איך האָב באַגעגענט געהערט אויך די יידישע לערערין ד. פינגערהוט. דאָס איז אַ הארציק איבערגעגעבענע ערלעכע אידעאַליסטקע פונם אלטן בונדיסטישן שטייגער. די יידישע ליטעראַטור, שול און שפּראַך, — זענען כמעט דער טיפסטער אינהאלט פון איהר לעבן. זי שאפט אויך פון צייט צו צייט ווערטפולע קינדער־מעשה׳לעך און לידלעך.

אַ שטאַרקע אמונה בינדט זי צום יידישן ישוב אין ארץ ישראל, אָבער לחלוטין נישט קלענער איז איר אמונה אין דער יידישער שול. אַפילו נישט די שווערסטע אנטוישונגגן קאָנען זי צוברעכן... ווייל זי גלויבט אין יידישן רענעסאנס און אין יידישן פּראָגרעס. און דער דאָזיקער קאָן מען נישט מאלן אָן יידיש וואָס ווערט נאָך היינט אין גלות, אַפילו אויך אין ישראל, אממערסטן גערעדט. על פּי צופאַל האָב איך זיך אויך דערוווסט אַז די טאלענטירטע דיכטערין מאדאם שפּינגארן האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. איך האָב איר אויפגעזוכט און מיט איר פארפירט א קורצן אָבער אינטערעסאנטן שמועס. די דאָזיקע דיכטערין האָט פאר דעם לעצטן קריג ארויסגעגעבן אַ ווערטפול ביכל פון צארטע און טיף אַדורכגעפילטע לירישע לידלעך וואָס איז זייער גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער יידישער קריטיק. די חשובע דיכטערין האָט מיר אויך



צוגעזאָגט אייניקע לידלעך צוצושיקן פאר אונדזער איבעראל גוט באקאנטן חודש־זשורנאל „לשון און לעבן“.

אָבער דעם אלגעמיינעם איינדרוק וואָס איך האָב כמעט פון איבעראל געקראגן, איז געווען פאלגנדיקער: אז פאר יידישע ליטעראטור, שפּראך און שרייבער פאראינטערעסירט מען זיך זייער ווייניק... מחמת דעם רוב׳ס פּאָליטישע אָריענטאציע איז געווארן אַ גרונט אויס פאלשע, — און דערלעבנדיק די רעאליזירונג פונם ציוניזם, האָט מען אין גאנצן פארלוירן די שוין סיי־ווי פון לאנג נאָך אונטערגעגראָבענע אמונה אין יידיש וואָס האָט זיך נאָך קוים אין די ספקותפולע הערצער געטליעט.... אָננעמענדיק אז דאָס גלות יידנטום האָט שוין אויסגעשפּילט, — און קאָנהעכסטנס זיך נאָך דערהאלטן אין זכות פון די העברעאיש ריידנדיקע יידן אין ישראל“... נישט אין אכט נעמענדיק — אז דאס גלות־יידנטום האט אויפסניי אויפגעלעבט דאס אלטע לאנד מיט דער העברעאישער שפּראך און קאָן נאר אין זיין אייגענעם זכות אויף ווייטער באַשטיין. . . . אַזוי האט מען געזוכט די מוחות צו פארטשאדען מיט דער פאַלשער פּאָליטיק, ווייל פּאָליטיק און מאראל און לעבן זענען דריי באזונדערע זאכן. . . .

און אַזוי אין בין קיינמאל נישט געווען קיין פּאָליטיקער און קיין פּאַרטיימאַן, ווייל מיין פּאַרטיי איז תמיד געווען אלע יידישע פּאַרטייען, בין איך געבליבן איזאלירט און קיינער האט מיך נישט געזוכט און געזען; אָדער געמאכט זיך מיך זען — הגם איך האב יעדן איינעם יאָ גוט אַדורכגעזען. . . .

איז אַ חוץ די פּאר פערזענלעכע אלטע פריינט וואס איך האב אין אַנטווערפּן באַוויזן אויפצוזוכן, און מיט זיי נאר קורץ צו פארברענגען, האב איך די גאנצע צייט זיך אַרומגעדרייט אַ פאראיינזאמטער און איבעריקער, מיט אַ ביטערן שווערן געמיט פון איינעם וואָס האט אלעס פארלוירן.

נאָר איך האב זיך געטרייסט דערמיט, אַז אין בריסל, אַמסטערדאם, פּאַריז און אין מינכען ווו עס וווינען גרעסערע יידישע מאסן, — וועט מען זיך בעסער און מיט מער אינטערעס באציען צו מיר. דארטן וועל איך אויך געפינען מער צוהערער און סימפּאַטיקער פון מיין אומפּאַרטיאישער פּאַרטיי.

(המשך קומט)

די טעג איז דערשינען אַ ניי־בוך פון **משה עובד**

**„די גאולה שעה“ (א וויזיע)**

קאָרט־בונד 5/- מיט פּאָרטאָ

צו באקומען אין אלע בוכהאַנדלונגען אָדער דירעקט פון מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1, England

## מאטעם דייטש (אמעריקע)

# אן אוצר וואס קיינער האט ניט פארלוירן
# נאר א סך קאנען אים געפינען

(וועגן נחום באמזע׳ס „אַ חתונה אין הארבסט“)

פּאָעזיע איז צוזאמענגעשטעלט פון קליינע שטיקעלעך און ברעקעלעך וואָס לעבן אויף קליינע ווערטער און קורצע שורות; און ניט די סאָלידע געגענשטאנדן וואס פארנעמען א סך אוילן און איילן מיט פארב און קאנווע. פּאָעזיע איז פול מיט אידעלע קרישקעלעך וואס שמעקן ארויסעט פון בשמים־ביקסלעך; זי ווערט ניט אויסגעשלאגן פון שטיקער רויען גאלד, נאר אדרבה — די סטרושקעלעך און שפליטערלעך גאלדאָפּאל, וואס ווערט נאכן אויס־ארבעטן און אריינארבעטן זיי אין א ווערק, נאך טייערער פונעם גאלד גופא.

אַ לבנה־שטראל האט מיין אויג פארשטאכן
אין אַ פשוטן מיטוואך פונדערוואכן.

ווען אַ פּאָעט גיט אונדז אזוינע גאלדקרישקעלעך, איז עס ביי אונדז טייע־רער פון אַגאנצן ציגל גאלד. אָט אזוי הויבט אן נחום באמזע זיין ליד „קידוש לבנה“. און וויפל גאלד דאס גאנצע ליד פארנעמט, צו זיין אַ ווערטפול ליד, אַרט שוין קיינעם ניט, מחמת די ערשטע ברעקעלעך און סטרושקעלעך גאלד גיבן אונדז אַזויפיל ארבעטווערטן אז זיי ווערן (לויטן מארקסיסטישן קאפיטאל) דער מער־ווערט פונעם גרעסטן שטיק גאלד.

עס רייסט זיך ארויס ביי מיר צו זאגן: אַז נאך אזויפיל ים־ברויזיקער חכמה און קליגשאפטן פון יעקב גלאטשטיין; היינט אזויפיל אידייע און פונקט אַזויפיל קאנסטרוקציע ביי לעיעלעסן; אדער צווישן אזויפיל מיטאס און אוודאי אזויפיל פאלקישע וויזיאנערישקייט ביי לייוויקן; צי בכלל ווי דער מהות אינעם מאדערנעם ליד געשטאלטיקט זיך, בפרט אין אונדזער היינט־צייטיקייט — איז נחום באָמזע (פאר מיר) אַ מין סארט קליינקוואל־געטראנק וואָס קאן אָנטרונקען אַ קליינעם דורשטיקן שבט מיט אט דער דערקוויקונג.

איך בין איינער פון אט דעם קליינעם שבט וואס אנטלויפט פון א נייעם מצרים און וואנדערט אין דער מדבר פון מדבר (מעדאבער) וואס איז פול מיט ראשיקן מעטראָפּאָלישן ענגן שטיין....

און ווער פון אונדז האט שוין (ווי משה) אט דעם שטיין ניט געשלאגן?
אָבער דעם דורשט פון איין יחיד ניט געשטילט....

ער פארמאגט א סך קליינשטעטלדיקע בענקשאפטן ווי יעסענין האט פארמאגט דארפישע. און פון דעם זאל קיינער ניט ארויסדרינגען אז נחום באמזע איז קליינשטעטלדיק; דאס באוואָרן איך און זאג, אדרבא; ס׳איז דאס קליינע שטעטל, דאָס יידיש־ראָמאַנטישע, נאך וועלכן מיר בענקען נאך אלץ אזוי פלאטערדיק ווי נאך די קינדער־יארן צי ווי נאך א טייערן יום טוב.



אויף אייביק וועט שוין אט די צארטע בענקשאפט בלייבן; בפרט ביים לייענען נחום באמזע לידער.

ער איז ווייט אוועק פון דוד איינהארנ׳ס „לעצטער בעל תפילה“; נאר ער איז נאענט צו דעם דארפישן יעסענין; ער איז דער יידישער יעסענין וואָס בענקט נאך דער אלטער יידישער קליינשטעטלדיקער לאנדשאפט.

און אפשר איז ער היינט צו טאג גאר ניט דער איינציקער?...
אין זיין „באלאדע פון א ווינטער נאכט“ זעט ער:

די שטוב — א שיפל — שווימט אום אין גראער פארע,
דער ווינט איז מיד און וויל אריין דורך מינדסטער שפארע.

און נאָך מידער איז ער, דער דיכטער, אָט דער וואס איז פארליבט מיט זיין גאנצן לעבן אינעם שטעטל ווו עס איז געווען די יידישע היים א גאנצע מיט דורות און מיט דור־דורות.

אָט איז זיינס אַ קליין ליד: „הינטער דעם שטעטל“.

הינטער דעם שטעטל איז דער וועג גלייך
ביז אראפּ אין גרינעם טאל.
און אַ ביסל ווייטער שווימט דער טייך,
נישט ברייט, נישט שמאל,
פונקט צו דער מאס.
און פאר מיין היים ליגט אַ שטיין
אין גרינעם מאך און גראָז
שוין דורות לאנג.
זעץ זיך אנידער און רו זיך אפּ,
עלעהיי אויף א באנק.

און ווי נאך קאן אַ שטיין ווערן עלעהיי א באנק אויב ניט אין דער היים? און בא וועמען נאך קאן דער טייך וואָס איז „נישט ברייט, נישט שמאל“ זיין אָפּגעמאָסטן „פונקט צו דער מאָס“? טאקע נאר בא אזא פארליבטן שטעטל־היימער ווי נחום באמזע וואס אסאציאירט זיך ביי מיר מיט נחום — גם זו.

א מאל איז געווען אַ יאר־יאַריד און היינט איז יעדער טאג אַ יאריד ווו דאס לעבן האנדלט מיט זיך, פארקויפט זיך אויף מיליאנען טונען צום ברענען ווי קוילן... און אויף איינעם פון אזוינע יארידן, דעם גרעסטן, קלאגט דער דיכטער:

און איך בין אויכעט דא —
אן אלטער ייד וואס מאזלט.
צו וואָס האב איך אהער געוואַנדלט?
סיידן נאר מיט שטומעניש צו האנדלען.

און דער אלטער ייד וואס מאזלט (און אפשר פּאַקט ער אויך נאר שעמט זיך אונדז צו זאגן) פארענדיקט:

גאט מיינער, טו מיין תפילה הערן,
טו אן אוצר מיר באשערן,

וואָס קיינער, קיינער האט אים נישט פארלוירן.

אָט דא איז נייטיק צו זאגן צו באמזע וואס איז א אור אייניקל פון גם־זו אַז אט אזא אוצר, מיין ליבער נחום באמזע, האסטו דאָך; ס׳איז דאס יידישע ליד — אן אוצר פאר אלעמען צו געפינען וואס קיינער האט ניט פארלוירן; אַ טייערער אוצר; דער בעסטער אוצר, בפרט פאר אַ פּאָעט? ער טאר זיך ניט וווּנטשן קיין בעסערן; און אט דאס וואס דו האָסט געבעטן צו גאָט, אָט דאָס האָט ער דיר געגעבן — דאס ביישיידענע ליד.

די איבערדיכטונגען פון לי־טאי־פּע, זיינען קוואַליק לויטער און זיי ווינ־קען מיט דעם ברייטן חכמה־שטראל פון די כינעזישע מאנדל־אויגן; איבער זייער טיפקייט ליגט אַ יארמאלקע פון א בלאען פארנאכטיקן הימל מיט הוילן אומעט וואס איז פילאזאפיש דערגרונטעוועט ביזן דנא און איז באפעסטיקט מיט קאנפוציאנער ווייזהייט. דער טרויער פון די לידער איז פעלקערדיק נאענט און אוניווערסאל — דער אייביקער וואגלער.

פונקט ווי עס דער דיכטער נחום באמזע.

ער האט אַ סך מקבל געווען פון לי־טא־פּע. שוין די פארם גופא הויכט מיט דער כינעזישער רואיקייט און קורצקייט פון שילדערן; ס׳איז דער צמצום פון גאר דעם תוך אליין.

פאר אן אילוסטראציע וועט טאקע גילטן דאס דאזיקע ליד:

„אַ טשאטשע שוואלבן"

אַ טשאטשע שוואלבן — אַ שלענגל בלאער רויך —\
בויערט דורך א וועג צו הימלען הויך.\
אין פלאטער פון זייערע פליגל — די וואג־שאל\
פון א וועלט צווישן בארג און טאל.

ווען ניט די שטומע שורה וואס קומט צום לעצט (זי זאגט גארנישט) וואלט דאס ליד געווען א פולקאמענקייט פון צימצום און תוך. אזוי איז בלויז דא דער צימצום. און שולדיק איז דאָ, דוכט זיך מיר, דער גראם טאָל צו — שאָל. ווייל ווער נאך ווי באמזע און זיינע גלייכן, ווייסן אז די וועלט איז א סך טיפער פונעם טאל אראפ; זי איז אראפגעפאלן אין אפגרונט אריין פון גאלע פלאם פייערן און בלויז דער מחבל פליט עראפלאניש צווישן בארג און טאל. קאן זיין אז דאס ליד געהער צו דער פאסטראלער צייט נאך איידער דער דיכטער האט געשריבן זיין חורבן־ליד „און אז איך וועל קומען", ווו ער רעכנט אויס דעם טראגישן „אלה תולדות" פון אומגעקומענע יידן:

און אז איך וועל וועלן געפינען דאס אָרט\
פון זייערע קברים, פון זייער מארד, (געמארדעט ווערן, מ.ד.)\
ווער וועט עס וויזן?\
אַז מיין שכן איז טויט און מיין שכנה — טויט\
און מיין קרוב איז טויט און מיין קרובה — טויט\
און חרוב די הייזער.

אָט אזוי איז די וועלט בפירוש: צווישן טויט און אומקום פון אייגענער פאר־



ניכטונג און ניט ווי דער דיכטער האט זי אמאל געזען אין אַ פאסטאראל... אבער דאס מערסטע זעט ער זי דיכטעריש רעאל ווי אינעם ליד „מע צענעמט אַ הויז אויף דער איסט־סייד". דאס ליד איז טיפּיש יידיש ־אמעריקאנישע סביבה וואס שעפט שוין פון זיין יידישן שטייגער־לעבן די לעצטע טראפּנס פונעם אלטן ברונעם. דער ווייטיק איז גרויס און ער גיט ביים לייענען דעם ריכטיקן צופ ביים הארצן אזוי אז סע ווערט איינגעקארטשעט אין צענטן. אין אט דעם ליד איז די יידישע טראגעדיע פון קיומלאזיקייט פארקערפערט אויפן אייביקן מאנומענט פון צער און טרויער. דאס ליד ווייעט אן די מרה שחורה פון דעם ווי עס ווערט צענומען דאס יידישע הויז און ניט בלויז א הויז. אַ יידיש שטיק שטייגער־לעבן מיט אנגעזאמעלטע אוצרות.

און אט דעם אוצר וואס קיינער האט אים פארלוירן נאר טיף אינעם פאלקישן בלוט און אין זיין געביין בעהאלטן, קאנען אלע אים צוריק געפינען, דערהויפט געפינט אים דער פּאָעט פון יעדן דור, פון יעדער תקופה; און ווען דער אוצר איז ביים פאעט אין רשות וועט ער אים שוין רעכטפערטיק פאר־טיילן צווישן זיין פאלק. און דער דיכטער באמזע טוט עס פאר אונדז דערציילן:

...אין ניו־יארק אויף דער איסט־סייד, אונטער דער נייער מויער,\
וועט ליגן באגראבן אן אלטער טרויער.

אַ טרויער וואָס איז גאר דער יידישער אוצר וואס דורות און דור־דורות האבן אויפגעהיט, וועט אונטער יעדן נייעם מויער ליגן ווי דער פונדאמענט פארן ווייטערדיקן יידישן קיום וואס דארף דערפירט ווערן ביים בויען אַ ניי יידיש לעבן.

אַז ווייל איז צו דעם פאלק וואָס פארמאגט פּאָעטן וואס זעען ווי זיינע פאָלקס־אוצרות ווערן פארבאהאלטן פאר זיין צוקונפט.

דורך זיי וועט דאס פאלק, זיך און זיינע אוצרות, צוריק געפינען.

## ווייטשעפּל ווי עס זינקט און זינגט...

### 1 „טענצע און געזענגע"

אין ווייטשעפל, ווען מיר האבן געלעבט אין קאמפאקטע מאסן, האבן די 100,000 האָראָפּאַשניקעס געגעבן אַ יידיש פנים דעם ישוב, זיי האבן אויך אַ פויסט ארויסגעשטעלט אנטקייגן די אסימילאציע. יעצט איז ווייטשעפל אַ יורד, אפילו דאס שטיקל טעאטער וואס עקסיסטירט נאך איז צוזאמענגע־דזשאבעט פון „טענצע" און „געזענגע", אַזוי אז אמאל אז מען זינגט נאך אויף „די יידישע מאַמע" איז עס שוין אַ „ליטעראריש" געשעעניש.

אין ווייטשעפל זיינען שוין נישט מער די יידישע בירגער און איבער־וועגנדיקע מערהייט, נאר די קאלירטע און די שווארצע! און אין מיטלפונקט פון אונזערע געסלעך דרייען זיך די קארוסעלעס א גאנץ יאר, ווי די ווילדע „כאסלערעס". אבער גיי פארשטיי גאטס וואונדער, אין זייערע אפגעשלאסענע

קלובס פונם בעסערן „קלאס“, אינמיטן די ארגיעס פון דזשאז־מוזיק און נעגער־לידער, ווען „די יידישע מאמע“ ווערט פון איינע אזא זינגערקע אויפגעזונגען, גייט אַ הייליקער סקרוך איבער די שווארצע לייבער. און ערשט ווען זיי זינגען אויף בחברותא, ווען זיי „מאכן“ דאס ליד „זשעריקא“, ווי עפּעס א מין נאציאנאלע „עבודה“, שטייט דאס גאנצע ספר יהושע פאר די אויגן — אָ, מיר קאנען זיך ביי זיי שוין לערנען נישט נאר בלויז זינגען!

די ווייטשעפּל יידן וואס רעזידענדירן יעצט אין גאלדעס־גרין און קריקלווד האבן אויך מאיר מאיר צעלניקערן מיט ארויסגעכאפּט, און ער שפּילט א ווייטשעפּעלער ראלע אין ענגליש און זיי שטופּן זיך ביי דער קאסע נאך בילעטן צו הערן דארט „די יידישע מאמע“ אויף קריקלוואודיש. דער גרענד־פּאַלעי האלט זיך מיט אירע „קאסטימערס־מעמבערס“, און רעכצייט מאכט פאר זיי צורעכט דאס ספּעקטאקל, ער מאכט פאר זיי „מטעמים“, וועלכע זיי האבן ליב — ווי אין פּסוק שטייט! און ווייזט ער אמאל יאָ שוין, אז ער האט באמת טאלאנט, ווײנט ערשט דאס הארץ צוקוקנדיק, אויף אים, אויף דער גאנצער פיינער קאמפּאניע און אויף אונזער חנהלע צעלניקער.

די אלעקסאנדער טעאטער קאמפּאניע איז צעריסן, אזעלכע טאלאנטן ווי סעגאל, די מייזעלס, מארקאוויטש און אקסלראד, זיינען ממש טויט־געלייגט. די איצקאוויטש־שערמאן, בוים־גאלדשטיין באווייזן זיך, ווען זיי קערן אום פון זייערע טורן אין דער פּראווינץ. דעם פּארל גאלדבערג־ווינאגראד געלינגט אמאל אַ פיין־צוגעקליבענער ווארט־קאנצערט, הערמאן־טוניס באווייזט זיך ביי אונזערע שבת־נאכמיטאגס און נעמט שטארק אויס.

## 2 חנה מעצגער און אסתר סאלאמאן

דעראיבער זיינען אונז יעצט זייער וויכטיק די וועכנטלעכע קאנצערטן אין אדלער־הויז. צווישן קלאסישער מוזיק און ענגלישע לידער שפּילן אַ גרויסע ראלע יידישע און העברעאישע לידער. און דער גרויסער פארזאמלטער האראפאשנער עולם ווארט נעבעך איבער די שווערע קלאוויר־עטיודן, און בראמס און באך קווארטעטן, זיך מחיה צו זיין מיט די יידישע לידער.

דער אנפירער פון די קאנצערטן, מר. בנימין, האט זיינע גוטע דערציערישע און מוזיקאלישע „גרינדע“, אבער דער עולם וואס באשטייט פון 80 פּראצענט יידן פון עלטערן דור, איז שווער שוין משמעות צו דערציען, זיינען זיך דווקא מחיה מיט די צוגעלייגטע יידישע פאלקס־לידער.

און די לעצטע קאנצערטן ווו עס האבן אויפגעטרעטן מיט יידישע לידער, די באקאנטע זינגערינס, חנה מעצגער און אסתר סאלאמאן מיט יידישע און העברעאישע לידער, זיינען באמת געווען יום־טוב־טעג אין גרויסן לייען־זאל אין אדלער הויז.

חנה מעצגער, איר יידישלעך־פאלקסטימלעכער היימישער חן ווען זי מאכט, דאָס „חזנדל“, א חסידישן טאנץ, א ליבע ליד, צי געבירטיקס א ליד, פולט אלע הערצער אָן מיט א זיסער ליבלעכקייט, ווי זילבער־שטיקלעך וואלט




חנה מעצגער


אסתר סאַלאַמאַן

זיך געשיט פון הימל און זיך געשאטן יעדן איינעם דירעקט אין טאש אריין. אויך אין אירס א העברעאיש לידל פילט זיך שוין אזא מין אינטימקייט. אירע תנועות און טענער פארן זיך ווי די טורקל־טויבן אין מיטן זייער ווארקנדיקן פלאטער. איר אנהייב ביי די שבת־נאכמיטאגס זיינען געווען אין א מזלדיקער שעה. אונזער פאלקס־ליד איז דער זילבער־אויפזיפּץ אין איר זיסן געזאנג.

די פיינגעשולטע זינגערין אסתר סאלאמאן, וועלכע זינגט לעצטנס אויך סינאגאגאלע־ און העברעאישע לידער האט זיך ס'ערשטע מאל אויך באוויזן מיט יידישע פאלקס־לידער. מיט איר פיינעם אינטערפּרעטירן און מיט איר סאפּראַן־שטימע פארטיפן און ארויסהויבן דאס בארימטע ליד „פרעגט די וועלט די אלטע קשיא“, האט זי באוויזן, אז אויפן געביט פון יידישן פאלקס־ליד, וואלט זי געקענט פיל אויפטון און זיין אַ גרויסער געווינס, פּונקט ווי מיט אין אירע נעגער־לידער, מיט וועלכע זי נעמט גוואלדיק אויס, ארייננברענענדיק קולטורווירטע געמיטלעכקייט און קלאסישקייט.

עס שיינט, אז אין די קולטיווירטע יהודימשע קרייזן זעט מען איין, אז מען איז שוין א ביסל צו ווייט פון זיך אוועקגעגאנגען, הלוואי זאל מען דעם וועג צוריק געפינען. עס וואלט אַ גרויסער שאד, אז דער יידישער ענגלישער ישוב זאל חלילה, גאנץ פארלוירן גיין — ווי אין ים אריין. מיטן יידישן ליד קאנען מיר זיך אפשר אין אונזער פארלוירנקייט דערהערן איינער דעם אנדערן און זיך צוזאמענטרעפן. אָ, די ליבלעכקייט פון אונזערע פאלקס לידער איז דאך, ווי די זיסקייט פונם פּאַסטוך און פּאַסטושקע ליד, זיך צורופנדיק איינע די אנדערע, האלטן זיי צוזאם די פארבלאנקענדיקע סטאדע.

## פראווענדיקע „גלות-קולטור“ מיט „שירים און זמרות“

די גרויסע מאריס ווינטשעווסקי־צייטן אין ווייטשעפל זיינען שוין עליו השלום! ד״ר אַדלערס סינאַגאַגען־„סערמאַנס“, וועט שוין אַ גרויסער יעקב אדלער נישט מער פארטונקלען. אונזערע בארימטע פרימאַדאָנעס וועלן שוין פון די געמישטע שול־כארן נישט ארויס־פארפירן קיין מתפללים... און דער קלינגענדיקער קול־תורה פון די תלמוד־תורה׳ס און ישיבות איז אויך שוין פארשטומט פון די ווייטשעפל „בני עניים“... די יהודים האבן נישט מער מורא צו האבן פאר ווייטשעפל!

די יהודימשע פירער, די אסימילאציע פארזארגער, פילן זיך מסתמא שוין, ווי יענער אינם מעשהלע פונם גולם, וואס מיט זיין וואסער אנטראגן האט שיער פארפלייצט דעם גאנץ ישוב; זיי אליין גלויבן שוין נישט, אז זייער יוגנד וועט זיך גאנץ אויסלעבן אין זייערע סינאַגאָגן־„דאַנסינגס“, בשעת אויף פיקאַדילי טאַנצט זיך מסתמא א סך געמיטלעכער...

און אזעלכע גרויסע ארגאניזאציעס אויף דער יידישער גאס, ווי די ציונים און מזרחים מיט אחריות פארן פאלקס קיום אנשטאט אנצוגיין מיט קולטור־ארבעט, מיט לעקציעס איבער תורה און חכמה, מיט יידישע געשיכטע און ארץ־ישראל־געאגראפיע, מיט סיסטעמאטישן לערנען פון אונזער גרויסער אין ביידע שפראכן, פראווען מען פאַרעווע, סענטימענטאלע מלוה־מלכה־טישן ארום וועלכע ביידע גרויסע פארטייען טיילן זיך איין מיט די כבודים — זייער „גלות־קולטור“.

און ראבייס און רעווערענדס, רבנים און חזנים „מאכן דאס שפיל“ — און יוצא! דער עיקר: די גאזעטן צעשרייבן זיך מיט געוואלטיקע שבחים.

און דער ניוואָ איז גאנץ נאטירלעך, גייסטלעכע און געזעלשאַפטלעכע אָפּישלס גיין אויפן גרינגן וועג פון אָפּהאַלטן זייער אנזען... אז די מנהיגים האלטן אין איין שרייען יידיש איז טויט, קומען אָפּישלס מאכן דעם „מלא רחמים“!

אַז׳אַך און וויי צו וואָסער קולטור מדרגה אַ ישוב קאָן קומען, ווען די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע סיבות זיינען דערצו גורם — מען זינגט און מען זינגט זיך נאך צו די גרויסע שבחים....

**ש.**

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנארד־באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 4־טן פעברואר לכבוד שבת־שירה און משה עובדס ניי בוך.

שבת, דעם 11־טן — די אויסזיכטן פון די וואַלן.

שבת, דעם 18־טן הומאר און פריילעכער פאלקלאר.

שבת, דעם 25 — טראדיציאנעלע פורים־פייערונג.



## א פאלמע יובל-אוונט פון מוזיק געזאנג און רעציטאציע

וועט פארקומען דאנערשטאג דעם 2־טן מארטש זיין דעם קאנצערט־זאל פון אדלער־הויז, אדלער סטריט, צו געגרייט דורך אַ שרייבער קאמיטעט לכבוד דעם דיכטער און מאלער ס. פאלמע צו זיין זעכציק יאריקן יובל צוזאמען מיט זיין 35־יאָריקן שאפן אין לאנדאן הן אויף דעם ליטערארישן געביט, הן אויף דעם געביט פון מאלעריי און קונסט בכלל. פאָרזיצער פון דעם יובל־אָוונט — דיכטער משה עובד.

**דער קאָמיטעט פון יובל־אָוונט באַשטייט פון פאלגנדע קאלעגן:**
משה עובד, הערי מייער, א. מ. קייזער, שמואל ווייט, יוסף הלל לעווי, י. ח. קלינגער, מאריס קאץ, י. ביעטש, מ. הערשמאן, ל. הערש, מארקס קאהען און רחל ראניאך.

---

**מזל** (שבת־שירה תש״י) **טוב**

צו דער בר־מצוה פון **נתן נטע**
איינציקער זון פון **יעקב** און **רבקה יעלין**
(קאָמפּאָזיטאָר פון נאָראָד־פּרעס)

**ווינטשן מיר די עלטערן און די משפחה פיל נחת**
די רעדאַקציע לשון און לעבן

---

צו דער חתונה פון **דאנאלד דיען** זון פון אונדזער פריינדין פונעם לידזער קולטור־צענטער **מילי דיען**, מיט **מיס אניטא גאלד** ווינטשן מיר דעם יונגען פארל און מחותנים אַ הארציקן מזל טוב
אליהו, גיטעלע און יוליה פאלושאק
לאנדאן

---

**„די צייט“**
געגרינדעט אין 1913 פון
מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

---

**די סוף־חודש זונטיקס פון**
**„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן־אורי“**
**זונטיק דעם 26־טן פעברואר 8 אָוונט**
**אין לאָקאַל פון**
**„בן-אורי“ קונסט גאלעריע**
**14 פאָרטמען סטריט וו.1.**
**דאס שאפן פון אמעריקאנעם יידנטום**
**דר. יעקב י. מייטלים — איבער אפּאטאשו**
**י. ביעטש און נעט רובין וועלן לייענען**
**אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל**
**איינטריט פריי פאר מיטגלידער!**
**1 שילינג פאר נישט מיטגלידער**

121

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 3 (העפט 122) עלפטער יארגאנג מערץ 1950 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


„עד דלא ידע“ .......... ** 1
שאך־פיגורן (מאדעלירט פון מגילת־אסתר־מאטיוון) .......... משה עובד 3
צוויי וועלטן (די געשיכטע פון קיביץ־שאך) .......... משה עובד 4
ער האט נעבעך פונטן,,, (הומארעסקע) .......... א. מ. קייזער 7
שלח־מנות (מאנטאזש) .......... ס. פאלמע 10
דער גענעראל און דער פערדישער נביא (א פורים מעשה) .......... מארקס קאהען 12
יוסף און זיינע ברידער (בילד) .......... יוליוס ראזענבערג 15
א טעמע (ליד) .......... א. פלוני 16
פורימדיקע חכמות (פורים־פאלקלאר) .......... אפרים טויבענהויז 17
א רב פון אנשי שלומנו (חסידישער פאלקלאר) .......... יחזקאל נח ערלעכמאן 18
א פורים הוליאנקע אין סמירנע — די שטאדט פון שבתי צבי .......... מאיר טויבענהויז 19
כ׳האב מיין לעבן אדורכגעזיפצט ; דיר ; א תפילה ; איך האב אריינגעקוקט אין דעם שטויביקן לעבנס־פענסטער (לידער) שמואל וואהייט 20
טונקלע טעג (המשך) .......... א. מ. פוקס 22
ווי אזוי דער בראצלאווער איז געפארן קיין ארץ ישראל (באלאדע) ירושלים (סאנעטן) .......... א. נ. שטענצל 29
בערנארד מענינסקי (עסיי) .......... לעא קעניג 32
ס. פאלמע — צו זיין 60 יאריקן יובל .......... יוסף הלל לעווי 35
„אינערלעך־ליכט“ (בילד) .......... ס. פאלמע 36
„פארוויסטע ערד“ (סקולפטור) .......... ס. פאלמע 37
נייע זשורנאלן (אן איבערבליק) .......... דר. יעקב י. מייטלים 40
אברהם יערי — 50 יאר אלט .......... ש. ערנסט 42
בימים ההם (א פורימיאדע) .......... אליהו פאלושאק 44
וואס איז צו טון ? .......... י. ביעטש 49
ווען מען פארלירט דאס גלייכגעוויכט פונם אקצענט .......... ש. 52
עטלעכע פערזן געווידמעט צו ס. פאלמעס 60 יאריקן יובל .. י. ל. פיין 55
אן אפענער בריוו .......... אברהם ציקערט 55
10 יאר „לשון און לעבן“ (רעדאקציע נאטיץ) .......... 56
יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס .......... 56



**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטמ־פרייז: —19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער



*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press,* 129-131 *Cavell St., London, E.1*